№ 42 — Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. — פרייז 20 גראָשען. — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה:
אין טעקסט 80 גראָשען.

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענטס-פרייז: אַ נומער 20 גראָשען.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 16 października 1931. — ליכט-צינדען 4.29 — פרייטאָג, פ׳ נח ה׳ חשו״תרצ״ב.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

Dużo szczęścia życzymy p. KISINOWI z ŻONĄ z intencji zaślubin ich córki BASI z p. HENRYKIEN WIENEM. Młodej parze wiecznego zadowolenia.

SZYJA I ARON ESIG.

ציוניסטישער רעוויזיאָניסטישער פערבאַנד אין פוילען, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

שבת, ד. 17 אָקטאָבער פונקט. 8 אזייגער אָוועגד

קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פילסודסקי 13 מיט דער בעטייליגונג פון ה׳ יוסף קלאַרמאַן פון סאָסנאָוויץ

א אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג - אָרדנונג: 1) ערעפנונג — פרעזעס איצקאָוויטש. 2) וואַהל פון אַ פּאָרזיצענדען. 3) פאָליטישער רעפעראַט — ה׳ קלאַרמאַן. 4) פאָליטישע דיסקוסיע. 5) אַלגעמיינער און קאַסע בעריכט. 6) דיסקוסיע. 7) וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג. 8) פרייע פאָרשלאַגען.

די ערשטע אין פוילען

מעכאַניש = כעמישע וועשעריי און פאַרבעריי = אנשטאַלטען

„KRYSZTAŁ"

נעמט אָן אַלערליי דאַמען, מענער און קינדער-גאַרדעראָבען, צו פאַרבען און מעכאַניש-כע- מישע רייניגונג, ווי אויך פוטער-פעלצען, דיוואַנען, גאַרדינען, קאַפּען, אַלערליי זיידענצייג, זשאַרזשעטען א. אנד.

אַלץ ווערט אויסגעפּערטיגט סאָליד, פּעדאַנטיש און פונקטליך, צו זעהר ביליגע פרייזען.

מיר נעמען אויך אָן אַלערליי שטייפע וועש צו וואַשען און פּלעטען.

פאַר א קאָלנער מיט דאָפּעלטען גלאַנץ 18 גר. — א אויבערהעמד שטייף 80 גר.

מיר פערזיכערן דעם ג. פובליקום א פונקטליכע און גענויע אויספיהרונג פון די אויפטראַגען און עמפּפעהלען זיך מיט אכטונג

מעכאַניש=כעמישע וועשעריי און פאַרבעריי

„KRYSZTAŁ" Częstochowa Ogrodowa 15

צום ווינטער סעזאָן!

דאַרפט איהר האָבען א דאַמען אָדער א מענער פעלץ אָדער אַנדערע פוטער-אַרבייט? — בעשטעלט נאָר אין דער לאַנג-עגזיסטירענדער פירמע

פון **ה. זשעלינסקי אלעע 10**

מיר נעמען אָן פון אייגענע און אויך פערטרויטע סחורות.

היות ווי פוטער=וואַרג איז הייגט ביליג האָבען מיר אויך רעדוצירט דאָס אַרבייטס = לוין!

רעיעלע בעהאַנדלונג מיר מאַכען פון אַלט—ניי! שנעלע אויספיהרונג.

איילט אייך דעריבער און מאַכט אייער בעשטעלונג נאָר אין דער פּראַצאָווניע פון **ה. זשעלינסקי, אַלעע 10** און איהר וועט זיין צופריעדען.

צוליעב ליקווידאַציע גענצליכער אויספערקויף!

דאָס בעוואוסטע פוטער=געשעפט פון די **געבר. קעלציגלאָווסקי** און **בערקאָוויטש פילסודסקי № 9** אין הויף, מאַכט בעקאַנט, אַז דאָס געשעפט ווערט ליקווידירט און דער גרויסער לאַגער פון אַלערליי

פוטער=סחורות ווערען גענצליך אויספערקויפט.

נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און איהר קענט קויפען צו אויסערגעוועהנליכע ביליגע פרייזען.

געדענקט די אַדרעס און איילט אייך צו, וכל הקודם זכה!

אכטונג האַנדווערקער!

שבת דעם 17 ד.ח. פונקטליך 11 א זייגער פריה קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פערבאַנד

א גרויסע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:

1) בעריכט פון לעצטען האַנדווערקער צוזאַמענפאָהר
2) וועגען קאָמיטעט פאַר אַרבייטסלאָזע

אַלע חברים דאַרפען קומען פונקטליך!

די פערוואַלטונג פון צענטראַלען יודישען האַנדווערקער=פערבאַנד
אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

א וואוינונג פון 1 צימער מיט א קוך

מיט אַלע בעקוועהמליכ- קייטען
אויף דאָמבראָווסקי גאַס
שוין איבערצוגעבען.
ערקונדיגען זיך אין רעד.

יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדוויסענשאַט Ż. T. K.

א זעהר אינטערעסאַנטער אויספלוג נאָך בענדין, סאָסנאָוויץ און קאַטאָוויץ קומט פאָר זונטאָג ד. 25.10, וואו עס וועלען בעזוכט ווערען: דער שלעזי- שער סיים און מוזעאום, פּאָלסקיע ראַדיאָ, טעכנישע שולע, טעאַטער און אַנדערע זעהונגס-ווירדיגקייטען.

אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען ביז דאָנער- שטאָג דעם 22.10 ביי י. ראָזאַנשינסקי.

די צאָהל אַנטיילנעהמער איז בעגרעניצט.

ערקלערונג.

אויף די פאָרוואורפען פון פּראָפ. שניידער-אַר- בייטער אויף מיין חשבון, איז נישט כדאי צו ענטפערען. איך וויל נאָר ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט ערקלערען, אַז מיין ווערקשטאַט ווערט געפיהרט לויט אַלע כללים פון טאַקט און מענשליכ- קייט און אויף די אומגעלומפּערטע דראָהונגען פון די דאָזיגע „הצורן", געה איך איבער מיט ביטול.

א. פיליבאָווסקי
ווארשעווער 30.

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט, אַז מיין

גראַוויר=אַנשטאַלט

פיהרט אויס:

גומי-און מעשענע סטעמפּלען, מאָנאָגראַמען, דרוק-קלישען, שאַבלאָנען, עמאַ- לירטע שילדען און פולשטענדיגע איינריכטונג צו שטאַנצען בלעך, צעלולאָיד, זייף, לעדער, פּאַפּיר א. א. וו.

סאָלידע אויספיהרונג און צו ביליגע פרייזען.

ש. י. בראַנדיס, 1-טע אַלעע 12.

בעמערקונג: פאַר די הויז-אייגענטימער מעלדע- סטעמפּלען און וואוינונגס - נומערן, לויט פאָרשריפט.

קאָמוניקאַט.

דערמיט זענען מיר מודיע דאָס אין הסכם מיט דעם בעשלוס פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער מענער גאַרדעראָבע סעקציע פון 14.10 1931 — ווערט פון אונזער סעקציע דערווייטערט דער ה׳ קלמן שטאָהל, נייער מאַרק 9.

דערמיט ווערט ער געשטעלט צום שאַנד-סלופּ.

מענער גאַרדעראָבע סעקציע ביים קליינ= הענדלער פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym **ul. Waszyngtona**
d. Jasna **49.**

נעמט אָן איינשרייבונגען אויף דעם 1, 2 און 3 קורס, מאַזור, טענליך פון 10 פריה ביז 9 אָוועגד. „לעצטע נייהייטען". גאַראַנטירט דאָס אויסלערנען.
אַכטונג: פּראַקטישע לעקציעס יעדען שבת פון 8 אָוועגד און זונטאָג פון 7 אָוועגד.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע בראָמבערג** צום טראַגישען טויט פון זייער פּאָטער

נ״ע וואָלף

געשטאָרבען אין וואַרשע.
גאָט זאָל זיי טרייסטען!

די יודישע אַרבייטער פון דער פאַבריק בראָמבערג אין טשענסטאָכאָוו

כוס - תנחומין

בזה אנו מביעים את רגשי-השתתפותנו החמה בצערה של

משפחת ברומברג

למות עליהם מיתה טרגית אביהם

נ״ע זאב ברומברג

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

משפחת בורנשטיין
צינסטחוב.

צו דער חתונה פון פרל.

חיה לעווקאָוויטש מיט ה׳ **יצחק כתריאל** פון וויערושאָוו

ווינשען א הארציגען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט

שלמה אורבאַך און פרוי.

צו אלע באַרמהערציגע מוטערס!

צו אַלע מוטערס וואָס געפונען זיך אין דער גליקליכער לאַגע, אַז זיי קענען זייערע קינדער פערזאָרגען מיט נייע מלבושים, ווענדען מיר זיך מיט דער הייסער ביטע, **אַז זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף די 260 אָרימע קינדער וואָס געפונען זיך אין אונזער אָכראַנקע און ווער עס האָט**

אַלטע מלבושים, שוכוואַרג א. א. וו. פון קינדער אין עלטער פון 3 ביז 7 יאָהר זאָלען דאָס שפּענדען פאַר אונזער אַנשטאַלט,

כדי מיט דעם צו בעקליידען די אָרימע אומגליקליכע קינדער און מיר זאָגען זיי פאָראויס אונזער איניגסטען דאַנק, **אַז גאָט זאָל זיי דאָס בעצאָהלען.**

די שפּענדונגען קען מען שיקען צו.

העלענאַ וויערוביצקאַ, אַלעע 30 אָדער וו. גאָסטינסקי, אַלעע 21 (געוועלב)

די פערוואַלטונג פון דער אָכראַנקע
ביים דאָבראָטשינגאָשטש, פשעמיסלאָווא נר. 11,

בעקאַנטמאַכונג.

מיר טיילען מיט אונזער ג׳ קונדשאַפט, אַז פון 11 פּאַזדזיערניק ד. י. איז אונזער

לעדער=געשעפט איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַלטען מאַרק № 22 (פראָנט-געוועלב)

וואו עס איז פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל

פון אַלע מינים האַרטע און ווייכע לעדער

און אַלערליי שוסטער=צודאַטען צו קאָנקורענץ=פרייזען.

מיר פערזיכערן די בעסטע און רעיעלסטע בעהאַנדלונג און עמפּפעהלען זיך

פירמא **שלינגבוים און יעשאָנאָוויטש**

אַלטער מאַרק 22 №

Biuro Techniczne „UNION"

Sp. z o. o.

Panny Marji 14 tel. 7-70

Stale na składzie świeże baterje anodowe.

Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne oraz radjoaparaty i radjosprzęt.

Niezawodne ładowanie akumulatorów radjowych i samochodowych.

Galanterja elektrotechniczna, grzejniki i żelazka elektryczne. Żarówki. Łożyska kulkowe.

צום ווינטער = סעזאָן 1931=32!

איז דאָס **פוטער=געשעפט**

פון **מיכאל איידעלמאַן**

פילסודסקי 5, פראָנט ערשטער שטאָק, טעל. 305

פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלערארט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאַמען.

פערטיגע ראַמען און מענער = פעלצען.

אין מיין ערשטקלאַסיגען קיזשנער=ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאָדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

דער ערשטער שריט.

מיר האָבען אָנגעוויזען אין איינעם פון אונזערע לעצטע אַרטיקלען אויף דעם חוב וואָס ליגט אויף דער נייגעוועהלטער קהלה אָנצונעמען אַ געוויסע טעטיגקייט וועניגסטענס אין די דרינגענד נויטיגע פראַגען בנוגע דער היגער יודישער בעפעלקערונג, טראָץ דעם וואָס די קהלה-פערוואַלטונג האָט זיך נאָכנישט קאָנסטיטואירט, ווייל די מאַכט האָט נאָכנישט אַקצעפּטירט די וואַהל פון פּרעזעס.

איינע פון די דרינגענדסטע פראַגען, וואָס שטעהען איצט אויף דער טאָג-אָרדנונג פון אַלע געזעלשאַפטליכע טהוער איז די נויטווענדיגקייט פון אַדורכפיערען אַ אַקציע און שאַפען דעם געהעריגען פאָנד צו אונטערשטיצען די פון קריזיס געליטענע בעפעלקערונג. די דאָזיגע אַזוי וויכטיגע פראַגע וואָס בעשעפטיגט איצט די מוחות פון אַלע מלוכה'שע און .קאָמונאַלע אָרגאַנען אין אַלע לענדער, איז אויך ביי אונז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין איהר גאַנצער שאַרפקייט, און עס ווערען געזוכט מיטלען וועלכע זאָלען ווי ווייט מעגליך לינדערן די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע.

און אָט די דאָזיגע ברענענדע פראַגע האָט צונויפגעבראַכט אונזערע נייע פרנסים און דאָזאָרעס צו דעם קהלה-טיש, און זיי זענען צוגעטרעטען צו אַ געמיינזאַמער טעטיגקייט לטובת דער געליטענער יודישער בעפעלקערונג.

עס איז איבריג צום הונדערטסטען מאָל צו ווידערהאָלען אונזער פערדרוס פון דער אונגעהויערער עולה, וואָס ווערט שטענדיג בעגאַנגען געגען דעם יודישען אונבעמיטעלטען קלאַס, וועלכער געניסט כלל נישט פון דעם עקזיסטירענדען פאָנד פאַר אַרבייטסלאָזע, ווייל יודען ווערען נישט צוגענומען צו קיין עפענטליכע אָדער פאַבריקס-אַרבייטען, און ווערען דאריבער נישט רעגיסטרירט צווישען די אַרבייטסלאָזע, דאָס איז דאָך אויך איינע פון די יודישע טראַגעדיעס, אַז צוליעב דעם וואָס קיין יודען ווערען נישט בענוצט צו קיין עפענטליכע אַרבייטען איז דער פועל-יוצא דערפון, אַז די יודען וועלכע האָבען אַ וואָסערע איז פריוואַט-אַרבייט און בלייבען אַרבייטסלאָז, קומט זיי אויס צו שטאַרבען מיט זייערע פאַמיליעס פון הונגער, ווייל זיי זענען נישט קיין „אָפיציעלע“ אַרבייטסלאָזע, און זיי האָבען דאריבער נישט קיין רעכט צו עסען און צו לעבען.

דאָס איז שוין אַ געוועהנליכע „נאָרמאַלע“ ערשיינונג וועגען וועלכער מען האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו רעדען.

איצט איז אָבער געקומען אַ אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, צוליעב דער שרעקליכער נויט און קריזיס וואָס הערשט, האָט די קאָמונאַלע מאַכט געשאַפען א אַרטיגען קאָמיטעט פאַר אַרבייטסלאָזע, וועלכער פיהרט אַדורך אַ בעשטייערונג פון אַלע אָהן אונטערשיעד איינוואוינער וואָס האָבען נאָך וועלכע ס'איז מינימאַלסטע הכנסות און אין דער בעשטייערונג נעמט אַ גענוג גרויסען און אפשר דעם גרעסטען אַנטייל די יודישע בעפעלקערונג. און ס'איז פערהאַנען אַ מורא אַז אויך דער דאָזיגער ספּעציעל-געשאַפענער הילפס-קאָמיטעט וועט געהן אין דעם זעלבען וועג, וואָס עס געהט דער געוועהנליכער אַרבייטסלאָזער-פאָנד און וועט אויך איגנאָרירען די יודישע אַרבייטער און בעלי-מלאכות וואָס האָבען געהאַט פריוואַטע בעשעפטיגונג און צוליעב דעם קריזיס זענען זיי געבליבען אָהן בעשעפטיגונג וואָס עס וואָלט געווען אַ הימעלשרייענדע אומרעכט געגען די יודישע בירגער פון אונזער שטאָדט.

אָט די דאָזיגע פראַגע האָט צונויפגעבראַכט אונזערע נייע קהלה - פאָרשטעהער. אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג צו וועלכער עס זענען איינגעלאַדענט געוואָרען אויך סתם איינפלוסרייכע יודען וואָס זענען נישט קיין מיטגלידער פון קהלה-ראַט אָדער פון דער פערוואַלטונג. און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ גענוג גרויסער קאָמיטעט וועלכער האָט די אויפגאַבע קודם-כל צו ווירקען אויף דער יודישער בעפעלקערונג, אַז ווער עס האָט נאָר די מעגליכקייט זאָל זיך בעשטייערען לטובת דער אַקציע פאַר אַרבייטסלאָזע, און דאַן ווען די יודען וועלען נעמען אין דער בעשטייערונג דעם געהעריגען אַנטייל, וועט דער קאָמיטעט קאָנען קאַטעגאָריש פאָדערען פון דעם אַלגעמיינעם שטאָדטישען קאָמיטעט, אַז די נויטבעדערפיגע יודען זאָלען בעקומען שטיצע פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָהל אין בעצוג צו די שטאָדטישע איינוואוינער.

עס אונטערליגט נישט קיין צווייפעל, אַז די יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט וועט זיין אויף אַזויפיל רייף צו פערשטעהן איהר אויפגאַבע און איהר חוב צו שטיצען די דאָזיגע אַקציע, איבערהויפּט ווען די בעשטייערונג נעמט אָן אין געוויסערמאָסען א צוואַנגס-כאַראַקטער, און מיר זענען אויך זיכער, אַז דער שטאָדטישער קאָמיטעט וועט נישט וואַרטען אויף דער ענערגישער פאָדערונג פון יודישען קאָמיטעט, נאָר ער אַליין וועט זיין אויפגאַבע אַדורכפיהרען געוויסענהאַפט און ער וועט די נויטבעדערפיגע יודען געבען זייער טייל וואָס עס קומט זיי לויט די עלעמענטאַרסטע מענשליכע רעכט און פליכטען.

דאַביי אונז ווערט צו בעטאָנען, אַז דאָס ערשטע צוזאַמענטרעפען פון די נייע קהלה-פאָרשטעהער ביים קהלה-טיש האָט געטראָגען א זעהר געמיטליכען כאַראַקטער, און מען דאַרף האָפען, אַז נישט בלויז ביי אַזאַ ברענענדע און וויכטיגע פראַגע, נאָר אַז אַלע פראַגען וואָס זענען נוגע דער היגער יודישער בעפעלקערונג וועלען דורך זיי בעהאַנדעלט ווערען מיט דער געהעריגער ערנסט און אויפריכטיגקייט, לטובת די יעניגע וואָס האָבען זיי געוועהלט, און אין זייערע הענד איבערגעגעבען די לייטונג פון דער היגער קהלה.

י. פּ.

ח. נ. ביאַליק אין טשענסטאָכאָוו

זונטאָג נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען אין אונזער שטאָדט דער גרויסער העברעאישער פאָלקס-דיכטער חיים נחמן ביאַליק.

אויפ'ן באַהן-פעראָן האָט איהם אָבגעוואַרט א גענוג גרויסער עולם וועלכער איז געקומען מקבל פנים זיין דעם גרויסען גאַסט. צווישען די פערזאַמעלטע האָבען זיך געפונען פאָרשטעהער פון דער היגער יודישער קהלה, פון פערשידענע געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, פאָרשטעהער פון דער פּרעסע, און פון אַלע היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אויך זענען אָנגעקומען די שילער פון געזעלשאַפטליכען יודישען גימנאַזיום מיט זייער פאָהן און אָרקעסטער וואָס עס האָט געמאַכט אין גאַס א אימפּאָזאַנטען איינדרוק.

דער געדראַנג אויפ'ן פעראָן איז געווען זעהר גרויס, און די דעלעגאַציעס זענען דעריבער אריין אין זאַל פון דער ערשטער קלאַס וועלכע די באַהן-פערוואַלטונג האָט ספּעציעל רעזערווירט פאַר'ן קבלת פנים פון דיכטער. אין די פאָליציי האָט זיך בעצויגען זעהר קאָרעקט, און געהאַלטען א מוסטערהאַפטע אָרדנונג, ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע און דער דיכטער איז ארויס פון וואַגאָן האָבען די פערזאַמעלטע איהם געמאַכט א רוישענדע אָוואַציע, און דורכ'ן שפּאַלער וואָס די פאָליציי האָט צוגעגרייט איז ער אריינגעפיהרט געוואָרען אין זאַל פון דער ערשטער קלאַס וואו עס האָבען געוואַרט די אָנגעקומענע דעלעגאַציעס.

עס האָט איהם בעגריסט אין נאָמען פון דער יודישער בעפעלקערונג דער קהלה-פּרעזעס ה' ש. גאָלדשטיין, פּרוי וועקסלער האָט איהם געגעבען בלומען אין נאָמען פון „עזרה“, דער דיכטער האָט זיך מיט אַלע פערזאַמעלטע בעגריסט דורכ'ן געבען די האַנד, און אונטער די קלאַנגען פון: יחי ביאַליק! יחי המשורר! איז דער דיכטער צוזאַמען מיט אַלע אָנוועזענדע ארויס אויף דער גאַס, וואָס איז געווען שוואַרץ פון טויזענדער מענשען וועלכע האָבען געוואַרט וועלענדיג זעהען דעם גאַסט, און געמאַכט איהם הילכיגע אָוואַציעס, ווען ער איז מיט א אויטאָ אָבגעפאָהרען אין נאָהנטען האָטעל „פּאָלאָניאַ“.

---

10 א זייגער אָווענד איז אין דער נייער סינאַגאָגע געהאַלטען געוואָרען דורכ'ן גרויסען פאָלקס-דיכטער א זעהר גייסטרייכער רעפעראַט וועגען דעם מצב פון דער יודישער גייסטיגקייט אין די גלות לענדער פון וועלכען מיר געבען בעזונדער א קורצען אינהאַלט.

די גרויסע סינאַגאָגע איז געוואָרען פול געפאַקט מיט מענשען, מענער און פרויען, פון אַלע יודישע שיכטען, אויך א געוויסע צאָהל יוגענד פון די נאָהנטע שטעדטלעך, דער רעפעראַט איז אויסגעהערט געוואָרען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און געמאַכט א געהעריגען רושם, הלואי ער זאָל האָבען געברענגט די רעזולטאַטען צו וועלכע עס שטרעבט דער גרויסער דיכטער, וואָס ער וואָלט פאַר איהם געווען דער בעסטער דאַנק.

געגען 12 א זייגער ביינאַכט איז אין זאַל פון פאַבריקאַנטען און סוחרים-פעראיין פאָרגעקומען לכבוד דעם חשוב'ן גאַסט א טיי-אָווענד אויף וועלכען עס זענען געווען אָנוועזענד לערך 100 פערזאָן פון פערשידענע נאַציאָנאַלע שיכטען, און א גרויסע צאָהל נאַציאָנאַלע יוגענד.

נאָכדעם ווי ה' יאַנאָווסקי עפענט דעם באַנקעט קומען פאַר בעגריסונגען פון פּרעזעס פון סוחרים-פעראיין ה' שטילער, פּרעזעס פון קהלה-ראַט ה' וועקסלער, דר. הירשבערג, פּרוי וועקסלער אין נאָמען פון „עזרה“, ה' יונגסטער אין נאָמען פון „מזרחי“, ה' קאָניעצפּאָלער אין נאָמען פון האַנדווערקער פערבאַנד א. אַנד.

די אָנוועזענדע האָבען זיך זעהר געמיטליך געווײַלט, די יוגענד האָט געזונגען פערשידענע נאַציאָנאַלע לידער, און ביאַליק האָט געהאַלטען א קורצע רעדע אלס וועגען דער זעלבער טעמא, וועגען תוכן, אינהאַלט, וועגען פּראַקטישעס אין ציוניזם נישט „להלכה“ נאָר „למעשה“.

דער באַנקעט האָט זיך פערצויגען ביז 3 א זייגער פאַרטאָג.

מאָנטאָג 10 אַ זייגער פריה האָט ביאַליק בעזוכט די יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס. די שילער און שילערינ'ס האָבען מקבל פנים געווען דעם דיכטער אויפ'ן הויף, וואו זיי האָבען געמאַכט אַ עהרען-שפּאַלער און דערלאַנגט דעם דיכטער בלומען.

איינער פון די שילער האָט געהאַלטען אַ קורצען רעפעראַט אין העברעאיש, און דער דיכטער האָט געהאַלטען פאַר די שילער און לעהרער א לענגערן רעפעראַט וועגען דעם יודישען גייסט, וועגען דער יודישער ערציהונג, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אַלע אָנוועזענדע אַ אונגעהויערען איינדרוק.

בכלל איז דער בעזוך אין גימנאַזיום אויסגעפאַלען זעהר אימפּאָזאַנט.

מאָנטאָג 3 נאָכמיטאָג איז דער דיכטער אָבגעפאָהרען מיט דער באַהן קיין סאָסנאָוויץ.

קורצע ידיעות.

— פערגאַנגענעם זונטאָג איז מאַרשאַל פּילסודסקי אין דער בעגלייטונג פון פּולקאָווניק מיעדזינסקי אָבגעפאָהרען קיין רומעניען, וואו ער וועט פערברענגען זיין אורלויב.

— דער קאָנפליקט צווישען יאַפּאַן און כינאַ פערציהט זיך אַלס ווייטער און רופט ארויס בעאונרוהיגונג אין דער פּאָליטישער וועלט. דער פעלקער-בונד צוזאַמען מיט אַמעריקאַ בעמיהען זיך צו ברענגען צו אַ שלום. אַמעריקאַ שיקט דערווייל קריגס-שיפען קיין כינאַ.

— די בהלה מיט'ן דאָלאַר איז עטוואָס אָבגעשוואַכט געוואָרען, צוליעב דעם וואָס אַמעריקאַ האָט ערקלערט אַז זי צאָהלט אויס מיט גאָלד פאַר די דאָלאַר-באַנקנאָטען, אָבער אַלץ איז דער דאָלאַר-קורס א וואַקעלדיגער.

— די סיים-מעהרהייט האָט אָנגענומען דעם פּראָיעקט וועגען איינפיהרען אַ נייעם קריזיס-צושלאָג צום הכנסה-שטייער, וועלכער בעטרעפט ביז 4 פּראָצ. פאַר אונטערנעהמער און ביז 10 פּראָצ. פאַר בעאַמטע און אָנגעשטעלטע.

— אין דייטשלאַנד איז ענטשטאַנען א שרעקליכער כאַאָס, צוליעב דעם וואָס די ענגע נאַציאָנאַליסטען און היטלעראָווצעס האָבען בעקומען די אויבערמאַכט, און עס האָט זיך פערשפּרייט אין לאַנד א שטאַרקע מאָנאַרכיסטישע בעוועגונג.

— אין ניו-יאָרק איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פיעל רוסישע פערזעהנליכקייטען וועגען אַראָבוואַרפען די סאָוויעטען-מאַכט און צוריק אויפלעבען דאָס צאַרישע רוסלאַנד אויף ליבעראַלע יסודות. די אָנטיילנעמער האָבען צו זייער דיספּאָזיציע איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

— דער ב. ב. קלוב האָט אריינגעטראָגען אין סיים א פאָרשלאַג צו ענדערן דעם סיים-רעגולאַמין, וועלכער זאָל נאָכמעהר פערשאַרפען דעם אַנטייל פון ז'ער אָפּאָזיציע.

— פון אַנגאָראַ ווערט מיטגעטיילט אַז די טערקישע רעגירונג האָט אַרעסטירט טראָצקי'ן פאַר זיין פיהרען אין טערקיי א פּראָפּאַגאַנדע פאַר באָלשעוויזם, טראָצקי איז פערשיקט געוואָרען אין אַ פעסטונג ביי די דאַרדאַנעלען.

(25

די פערפאָלגטע.

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין איטאַליע, אין 19-טען יאָהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאָהן.

(פאָרטזעצונג)

עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז ס'איז געלונגען דעם באַראָן צו דערמינטערן. וויקטאָר, מרים און יאָהאַן האָבען איבערמענשליך געאַרבייט, יאָהאַן האָט פון דער נאָהנטער אַפּטייק געבראַכט פערשידענע רפואות, און ענדליך האָט דער באַראָן געעפענט די אויגען, אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט וואָס עס איז פאָרגעקומען איז ער שיעור ווידער געפאַלען אין חלשות, און אַזוי האָט דאָס פערנומען לאַנג ביז ס'איז זיי געלונגען דעם באַראָן צו בערוהיגען.

אָבער אויך וויקטאָר זעלבסט איז געווען אויסער זיך פאַר שרעק און פערצווייפלונג, אויסער דעם אומגליק אַליין וואָס האָט מיט זיין געליעבטע געטראָפען, האָט ער זיך געפיהלט אַזוי ווי שולדיג אין דער זאַך, ווייל זי איז ביי איהם געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט. די איינציגע וואָס איז געבליבען ביי איהרע געדאַנקען איז געווען מרים, וועלכע האָט טאַקי אויסגערופען:

אָבער וואָס זיצען מיר אַזוי רוהיג? מען דאַרף דאָך עפּיס טהון. מען מוז זאָפאָרט מעלדען דער פּאָליציי, מעגליך וועט זיך איינגעבען זי צו געפונען.

איהרע ווערטער האָבען אַלעמען ערשט ווי אויפגעוועקט, זיי האָבען פערשטאַנען אַז מרים האָט רעכט און דאָס מען מוז זיך שוין נעמען עפּיס צו טהון, ווייל מיט יעדער מינוט קען מען פערשפּעטיגען.

אָבער וואָס טהוט מען?—האָט פערצווייפעלט אויסגערופען דער באַראָן—צו וועמען זאָל מען זיך ווענדען?

און דאָ איז ווידער מרים געקומען צו הילף און זי האָט געזאָגט:

ווי מיר שיינט זענט איהר ה' באַראָן בעפריינדעט מיט'ן גובערנאַטאָר מאַראַניאַ, און איך האַלט אַז מען דאַרף זיך צו איהם ווענדען.

יאָ, מיין שוועסטער האָט רעכט—האָט וויקטאָר געזאָגט—דאָס איז דער גלייכסטער וועג, דער גיבערנאַטאָר האָט אין זיין האַנד די פּאָליציי און געהיים-פּאָליציי, און נאָר ער קען אונז צו הילף קומען.

אויך דער באַראָן האָט איינגעשטימט און טראָץ דעם וואָס עס איז שוין געווען לאַנג נאָך האַלבער נאַכט זענען אַלע אַוועק צום גובערנאַטאָר.

17.

דער לעזער פערשטעהט געוויס, אַז דאָס פערשוואונדען פון ראָזאַ'ן איז געווען עקיבאַ'ס אַרבייט.

ווען די פּאַריזער געהיים - אַגענטען זענען אָבגעפאָהרען פון מיילאַנד מיט גאַרנישט, האָבען זיי בעשלאָסען לויט עקיבאַ'ס פּלאַן, אַז איינינע פון זיי זאָלען קומען אין געהיים נאָך עטליכע וואָכען קיין מיילאַנד און זיי זאָלען אַדורכפיהרען דאָס פאַנגען ראָזאַ'ן און זי אַוועקפיהרען.

א גאַנצע וואָך זענען צוויי פּאַריזער אַגענטען געזעסען אין מיילאַנד. יעדע נאַכט האָבען זיי אָבגעוואַרט פאַר'ן באַראָנ'ס וואוינונג, און געלויערט אויף ראָזאַ'ן, אָבער יעדעס מאָל ווען זי איז אַהיימגעגאַנגען פון וויקטאָר'ן איז נאָך געווען פריה, די גאַסען זענען נאָך געווען בעלעבט פון מענשען און בעזונדער פלעגט זי וויקטאָר בעגלייטען ביז צו דער טהיר פון איהר וואוינונג און די אונמענשען האָבען נישט געקענט זייער מערדערישען פּלאַן אויספיהרען.

אין דער זעלבער נאַכט האָבען זיי בעשלאָסען פאַר יעדען פּרייז צו פאַנגען ראָזאַ'ן, עס איז זיי שוין געווען מיאוס דאָס זיצען אין מיילאַנד בעהאַלטען און זיך נישט טאָרען ווייזען אין גאַס, טראָץ דעם, וואָס זיי זענען געווען פערשטעלט, און דעריבער האָבען זיי אין דער נאַכט געוואָלט אויספיהרען זייער פּלאַן, אַפילו ווען ס'זאָל זיי אויסקומען ביינאַכט צו בעפאַלען דעם באַראָנ'ס וואוינונג און ראָזאַ'ן מיט געוואַלד צו כאַפּען.

גראָד האָט געטראָפען אַז אין דער נאַכט איז ראָזאַ אַהיימגעגאַנגען שפּעטער ווי שטענדיג און וויקטאָר האָט זי נישט בעגלייט ביז צו דער וואוינונג, און דאָס האָבען די מערדער אויסגענוצט צו פאַנגען ראָזאַ'ן אין זייער נעץ.

אין עק גאַס איז געשטאַנען גרייט אַ געשפּאַנטע פערמאַכטע קאַרעטע אין וועלכער זיי האָבען אריינגעלעגט די פערחלשט'ע ראָזאַ און זיי זענען מיט איהר אַוועק אויסער דער שטאָדט.

אויפ'ן וועג האָט ראָזאַ זיך אויפגעכאַפּט פון איהר אונמאַכט און זיך דערמאָנט וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט. זי האָט געפיהלט, אַז מען פיהרט זי אַוועק ווייט פון איהר היים, ווייל דער וואָגען איז געלאָפען מיט א שרעקליכער שנעלקייט, זי האָט געוואָלט שרייען און רופען צו הילף, אָבער זי האָט נישט געקענט עפענען דאָס מויל וואָס איז געווען פערבינדען, און ס'איז געבליבען בלויז א קליינע עפענונג צו אָטעמען.

אין וואָגען איז געווען אינגאַנצען פינסטער, זי האָט מורא געהאַט זיך צו ריהרען נישט וויסענדיג אויב עס זיצט נאָך עמיצער אינעווייניג, אָבער פון דרויסען האָט זי געהערט ווי דער קוטשער רעדט מיט עטליכע מענשען זעהר שטיל.

ווען זי איז מעהר צו זיך געקומען האָט זי אָנגעהויבען טופּען מיט די פיס און קלאַפּען מיט די הענד, אָבער קיינער האָט זיך אויף איהר קלאַפּען נישט אָבגערופען, די קאַרעטע איז מיט דער זעלבער שנעלקייט געלאָפען אַלץ ווייטער און ווייטער.

נאָך עטליכע שעה פאָהרען האָט זיך דער וואָגען אָבגעשטעלט. דאָס טירעל פון דער קאַרעטע האָט זיך געעפענט און עטליכע פעסטע הענד האָבען זי ווי אַ קינד אַרויסגעטראָגען פון דער געדעקטער קאַרעטע, דורך דער געדיכטער זאַך וואָס איז געווען אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, האָט זי בעמערקט אַז עס הויבט אָן צו טאָגען, אָבער מען האָט זי נישט געלאָזט לאַנג טראַכטען, ווייל דיזעלבע מענשען האָבען זי שנעל אריינגעטראָגען אין א שטוב, וועלכע מען האָט פערשלאָסען.

נאָך עטליכע מינוט איז אריינגעקומען א פרוי, וועלכע האָט זי בעפרייט פון דעם זאַק מיט וועלכען זי איז געווען געבונדען. די פרוי האָט צו איהר גערעדט זעהר צערטליך און זאָגאַר איהר געגעבען צו טרינקען א גלאָז וויין, צו וועלכען ראָזאַ האָט זיך נישט געוואָלט צוריהרען.

באַלד האָט זיך געעפענט אַ זייטיגע טיער און צו איהר גרויסער ערשטוינונג איז פאַר איהר געשטאַנען נישט קיין אַנדערער ווי עקיבאַ.

(פאָרטז. קומט).

די קאטאסטראפאלע לאגע פון פוילישען יודענטום.

דאס בילד פון דער קאטאסטראפאלער לאגע פונ'ם פוילישען יודענטום איז שוין איצט גענוג דייטליך פאר יעדען: דאס בילד ווארפט זיך ממש אין די אויגען מיט איהר גרויזאמען, טראגישען פערנעהם, מען קאן שוין מעהר נישט אבווענדען די בליקען און די געדאנקען פון דעם.

אפילו די גרעסטע פעסימיסטען צווישען אונז האבען זיך נישט געקענט פארשטעלען, אז דער פאופעריזאציע־פראצעס פון די ברייטסטע יודישע מאסען אין פוילען וועט שטייגען און פערשפרייטען זיך מיט אזעלכע ריזיגע שריט און אננעהמען אזעלכע גרויסע פארמען.

ווי די לאגע שטעלט זיך פאר ביים היינטיגען טאג וועט כלל נישט זיין איבערגעטריבען די בעהויפטונג, אז דאס גאנצע פוילישע יודענטום, ארויסנעמענדיג פונ'ם כלל בלויז פעראיינצעלטע יחידים, וואס שטעלען מיט זיך פאר א נישטיגען פראצענט פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג — איז דערגאנגען צו א פולשטענדיגען און פולקאמען חורבן.

וואס זענען די סיבות, וואס האבען דערפיהרט צו אט דער האפנונגסלאזער לאגע — איז פאר יעדען מעהר-ווייניגער קלאר און מען דארף וועגען זיי נישט פיעל רעדען.

פון איין זייט האט דערצו געבראכט די עקאנאמישע פאליטיק, וואס איז געפיהרט געווארען דורך אלע אהן אויסנאהם פוילישע רעגירונגען און סיימען, ווענמענס לייט-מאטיוו איז געווען ארויפצוווארפען די גאנצע לאסט פון שטייערען אויף די שטעדט, און אין די שטעדט—אויף דער יודישער בעפעלקערונג. דערנאך איז נאכגעקומען די עטאטיזם-פאליטיק, וואס האט חרוב געמאכט פיעל געזונדע און נוצליכע ווירטשאפטליכע פאזיציעס, נישט ברענגענדיג קיינעם, בוכשטעבליך קיינעם, ווייל אפילו די רעגירונג גופא אויך נישט — קיין שום נוצען און אין פיעל פאלען זאגאר דאפעלטען שאדען; פון איין זייט האבען די עטאטיסטישע אונטערנעהמונגען געבראכט היזק דער מלוכה-קאסע, פון דער צווייטער—האט די זעלבע קאסע ווייטער פערלוירען די גענוג בכבוד'ע שטייערען, וואס זי פלעגט אבנעמען פון די אייגענטימער פון יענע ווירטשאפטליכע אונטערנעהמונגען, וועלכע דער עטאטיזם האט אומגעבראכט. איז דאס אליין נאך ווייניג געווען, זענען אונטערגעקומען די מלוכה-מאנאפאלען פון וועלכע די מלוכה-קאסע האט אין דער איבערוועגענדער מעהרהייט מעהר פערלוסטען געהאט ווי ריוח (אין פערגלייך מיט דער לאגע אויף די מסחר-געביטען, איידער די מאנאפאלען זענען געשאפען געווארען), שוין נישט רעדענדיג פון דעם מלוכה-פערלוסט, וואס טויזענדער און צעהנדלינגער טויזענדער פון איהרע בירגער — און אגב גוטע שטייער - צאהלער — זענען געווארען ארבייטסלאז און פרנסה-לאז. בכלל האט די גאנצע איינשטעלונג און ארגאניזאציע פונ'ם ווירטשאפטליכען לעבען אין לאנד געטראגען א מעהר ווייניגער (עס ווענדעט זיך אויף וועלכע ווירטשאפטס.געביטען) בולט'ן אנטיסעמיטישען כאראקטער. און דער אנטיסעמיטישער כאראקטער איז אמבולטסטען געקומען צום אויסדרוק אין דער בעציהונג פון די מלוכה-בענק צו די יודישע אינסטיטוציעס, וועלכע האבען בחנם און ערפאלגלאז אבגעקלאפט זייערע טירען, בעטענדיג קרעדיט - שטיצע אין וואסער עס איז מאס, זאגאר אין א קלענערער מאס, ווי עס געניסען פון דער קרעדיט-שטיצע די נישט-יודישע ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס.

דאס אלץ האט דערפיהרט בהדרגה און אונאויפהערליך צו דער היינטיגער קאטאסטראפאלער, כמעט האפנונגסלאזער לאגע פון איין זייט—פון דער צווייטער האט דערצו דערפיהרט די לאגע פון כלל נישט צוגרייטען זיך, פון די ברייטסטע יודישע פאלקס-שיכטען אין פוילען, צו די היינטיגע עקאנאמישע בעדינגונגען, וועלכע מען האט געקענט נאך מיט א צייט צוריק פאראויסזעהען. עס איז פאר מיר אויסערהאלב יעדען ספק, אז ווען די קאטאסטראפע וואלט אונז אויך דאן נישט אויסגעמיטען, אבער ביי דער געהעריגער צוגרייטונג פון די יודישע מאסען וואלט די לאגע נישט געווען אזוי האפנונגסלאז, ווי זי איז היינט צו טאג.

עס איז אנ'אונערשיטערליכער פאקט, אז היינט צו טאג איז פאקטיש קיין שום זכר נישט געבליבען פון דעם יודישען מסחר אין פוילען, וואס איז אין זיין צייט געווען אזוי שטארק און ווירקזאם. עס זענען לכל היותר געבליבען, דא און דארט, פעראיינצעלטע סמנים פון די הורבות פון דעם אמאל אזוי פעסט-באדענדיגען און קרעפטיגען בנין פון יודישען מסחר. פערלירענדיג איינגאנצען דאס אומזאץ-פערמעגען זענען די יודישע סוחרים פערוואנדעלט געווארען אין די ארימסטע פערמיטלער, אין דעם אזוי-טראגישען טיפ פון מענשען, וואס לעבען פון דער לופט, אין דעם בוכשטעבליכען און גרויזאמען זין פון די ווערטער.

כלל נישט בעסער איז אויך די לאגע פונ'ם יודישען האנדווערקערטום. אויך דא איז דאס בילד כלל נישט ווייניגער קאטאסטראפאל און האפנונגסלאז. אויך דא האט דער קריזיס אנגענומען אזא פערנעהם און אזעלכע פארמען, אז ער האט נאך ביז היינט צו טאג נישט געהאט זיינס גלייכען.

גוטע און גענוג האנדווערקער, מענשען מיט לאנגיעהריגער פראקטיק און מייסטער אין זייער פאך, מוזען זיך נעמען צו ארבייטען, וועלכע האבען קיין געמיינזאמעס נישט מיט זייער פאכמענישער אויסבילדונג, כדי ווי עס איז צו דערהאלטען זיך ביים לעבען. פארשטעהט זיך, אז דאס איז שוין אין די גוטע פאלען. ווען זיי קאנען אפילו שווארצע ארבייט געפונען—שעצען זיי זיך גליקליך. צום רוב אבער געפונען זיי קיין שום ארבייט נישט און פערגרעסערן די אזוי אויך גענוג גרויסע און כסדר זיך פערגרעסערנדע מחנה פון ארבייטסלאזע.

וואס אנבעלאנגט דעם יודישען ארבייטער איז די ארבייטסלאזיגקייט א פלאג אין זיינע רייהען שוין פון עטליכע יאהר — און די פלאג פערגרעסערט זיך מיט ריזיגע שריט און נעמט אן די גרויזאמסטע פארמען. און וויבאלד די פיזישע ארבייטער געפונען נאך א ביסעל ארבייט — אבער די יודישע אינטעליגענץ, די גייסטיגע ארבייטער און מענשען פון פרייע פראפעסיעס — זענען געבליבען שטעהן פאר אנ'אמת'ן אבגרונד.

עס זענען געווען סימנים, וועלכע האבען נאך מיט א צייט צוריק אנגעזאגט דאס אנקומען פון אט דער לאגע. פונדעסטוועגען אבער איז גארנישט, בוכשטעבליך גארנישט, ממשות'דיגס נישט געטהון געווארען, כדי צוצוגרייטען די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג צו דער אונפערמיידליכער קאטאסטראפע און שאפען אזעלכע בעדינגונגען, וועלכע זאלען לכל הפחות אין א געוויסער מאס פערלייכטערען דאס געגענשטעלען זיך די חורבן-כוואליעס און געבען די אויסדויער כחות דורכצומאכען די שווערע טראגישע צייטען.

אונזער לאזונג וועגען דער איבערגרופירונג פון די יודישע מאסען — האט נישט געפונען קיין אבקלאנג, יעדענפאלס זיכער נישט דעם געהעריגען אבקלאנג, אין דער צייט פון דער גוטער קאניונקטור. אויך די הילף פון אונזערע אויסלענדישע ברידער, און הויפטזעכליך טאקע פון אונזערע אמעריקאנער ברידער, וואס איז געווען אזא קענטיגע און ווירקונגספולע אין כמות איז אבער נישט געווען א גענוג קענטיגע און ווירקונגספולע אין איכות. די צעהנדליגער מיליאנען דאלארען, וואס זענען צו אונז אנגעקומען, זענען געווארען געזמארנעוועט, יעדענפאלס זענען זיי ווייט-ווייט נישט ווי געהעריג אויסגענוצט געווארען. צוליב דער שלעכטער פיהרונג מיט די געלדער זענען זיי שנעל פער'תכלעוועט געווארען, נישט ברענגענדיג קיין דויערהאפטען און ערפאלגרייכען נוצען.

עס זענען געווען איינציגע, צי אייניגע צעהנדליג געזעלשאפטליכע טהוער, וועלכע האבען אין דער ריכטיגער צייט אויפגעוויזען אויף דער גרויסער סכנה, וואס לויערט אויף דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען. אבער צו אונזער גרויסען בעדויערען האט מען זיי נישט געהערט און זייערע ווארנונגס-ווערטער פערשריגען אלס ווערטער פון געשוואוירענע פעסימיסטען. עס איז דעריבער כלל קיין וואונדער נישט, וואס היינט, ווען דאס יודענטום אין פוילען לעבט איבער א קאטאסטראפע, וואס האט נישט געהאט איהר'ס גלייכען אין דער געשיכטע פון די יודען אין פוילען — זענען אלע געבליבען מאכטלאז און ראטלאז.

דעפ. ד"ר ה. ראזמארין.

ח. נ. ביאליק וועגען דער יודישער גייסטיגקייט.

(פון ביאליק'ס רעפעראט אין דער סינאגאגע).

די פארלעזונג, וואס דער גרויסער העברעאישער פאלקס - דיכטער ח. נ. ביאליק האט געהאלטען זונטאג אוונד אין דער נייער סינאגאגע, האט צוגעצויגען א טויזענד - קעפיגען עולם פון אלע יודישע שיכטען אין אונזער שטאדט.

דער רעפעראט האט זיך אנגעהויבען מיט א געוויסער פערשפעטיגונג צוליעב דעם, וואס א גרויסער עולם האט געווארט מיט'ן קויפען די איינגאנגס-בילעטען אויף דער לעצטער מינוט, אבער ווען דער דיכטער איז אנגעקומען אין שוהל, האט מען אבגעשטעלט דעם בילעטען - פערקויף און פערמאכט דעם איינגאנג.

די שוהל איז געווען הערליך בעלויכטען, מיט'ן אנקום פון דיכטער האט דער כאר און ארקעסטער פון דער „לירא“ געזונגען און געשפילט אייניגע נאציאנאלע זאכען.

דאס ערשטע איז ארויף אויף דער בימה דער סינאגאגע - פרעזידענט ד"ר הירשבערג, וועלכער האט געהאלטען א בעגריסונגס-רעדע אין העברעאיש און יודיש, אין וועלכער ער האט ווארים בעגריסט דעם גרויסען גאסט, דעם געניאלען מייסטער פון דער העברעאישער שפראך און דיכטונג און דאן האט ח. נ. ביאליק אנגעהויבען זיין גייסטרייכען רעפעראט.

ער רעדט אין אנפאנג וועגען דער שעהנער שוהל-געביידע, און זאגט, אז מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק ווען ער איז געווען אין טשענסטאכאוו איז די דאזיגע שוהל נאכנישט נעשטאנען, ער דערמאנט דאביי דעם דאמאלסדיגען קאנטאר א. ב. בירנבוים. די צוהערער מיינען, אז דאס איז ביים דיכטער סתם א צופאל, וואס ער שטעלט זיך-אב אויף דער „סינאגאגע-געביידע, אבער דער רעדנער געהט דאן איבער צו רעדען וועגען די סינאגאגען בכלל, וועגען זייער פארם און אינהאלט.

איך האב בעזוכט די סינאגאגען אין אמעריקא און אנדערע מערב-אייראפעאישע לענדער. אין פיעל קהלות זענען דאס קאלאסאלע ריזיגע געביידעס, וועלכע קאנצענטרירען אין זיך דאס גאנצע יודישע לעבען פון די דאזיגע קהלות און וועלכע עס האבען געקאסט אונגעהויער-גרויסע סומעס.

אבער דאס הארץ טהוט וועה—רופט אויס דער דיכטער—זעהענדיג ווי פון יאהר צו יאהר געהען די דאזיגע געמיינדעס מיט זייערע סינאגאגעס מטה מטה אין גייסטיגען זין, מען זעהט דאס קאלטקייט און דאס אינהאלטסלאזיגקייט וואס הערשט אין די דאזיגע סינאגאגעס מיט זייערע אנפיהרער, די ראביינער און עס נעמט ארום א שוידער פון דער שרעקליכער גייסטיגער ירידה, וואס מיר זעהען דארט, ווען מען דערמאנט אונזערע אמאליגע יודישע שוהלען, די בתי-מקדש מעט, וואו עס האט געהערשט דער גייסט פון ישראל סבא, וואו די לופט איז געווען פול מיט יודישען גייסט און אינהאלט און היינט איז אלץ שטייף, געגליווערט און געפרוירען.

די ערשטע רעפארם-ראבינער ווי דר. גייגער און אנדערע האבען מיט זייער רעפארם-אידעע געמיינט עהרליך, לויט זייער פאלשער אויפפאסונג, זיי האבען מיט דעם רעפארמירען דעם דת אין די שוהלען געוואלט דערהויבען דעם כבוד פון יודען, מאכען דאס יודענטום מאדערן און דערמיט נושא-חן זיין ביי דער אויסערליכער וועלט, די רעפארמירטע פארשטעהער האבען אויסערליך זעהר פיעל געלייסטעט, געשאפען די יודישע וויסענשאפט, געקעמפט געגען אנטיסעמיטיזם און פאר דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, אין וועלכען זיי האבען אויך געהאט א געוויסען ערפאלג.

אבער אט זענען אוועק 3 דורות און דורך די 50 יאהר האט אלעס אויסגעטריקענט, נישטא מעהר אין די סינאגאגען דער רוח אלקים. אין פיעל מערב-אייראפעאישע שטעדט געהען די קהלות איינגאנצען אונטער. די סינאגאגען ווערען פערקויפט צו גוים און דאס גאנצע יודישקייט ווערט דארט אויסגעלאשען, און דאס איז דערפאר, ווייל עס איז נישטא קיין שום גייסט, קיין שום אינהאלט, נאר בלויז די אויסערליכע פארם, וועלכע האט נישט קיין באזיס אויף וואס זיך צו האלטען.

דער רעדנער געהט דאן איבער צום ציוניזם און זאגט: אויב דאס יודענטום וואלט ווייטער געבליבען ביי דער טרוקענהייט אהן אידעאל און אהן גייסטיגע וואונשען וואלט דאס ח"ו איינגאנצען אונטערגעגאנגען און דאריבער איז טאקי די ציוניסטישע אידעע די איינציגע, וואס קען דערהאלטען דעם קיום-היהדות, עס גיבט נישט קיין שטארקערער געדאנק, קיין געזונדערער פאלקס-אידעאל ווי עס איז דער ציוניזם.

יעדעס פאלק מוז עפיס טהון פאר זיך. און ווירקליך יעדער מענש, וואס וואוינט אין זיין לאנד, אויף זיין אייגענער טעריטאריע, איז וואס ער טהוט

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מיר האבען געהאט א זעהר אינטערעסאנטע וואך, מיר האבען זיך אביסעל אבגעפרישט פון דעם שטויב, אין וועלכען מיר זינקען לעצטענס.

עס האט צו אונז גערעדט דער נביא און פאעט, דער משורר בחסד עליון ביאליק. עס האט געשפרודעלט דאס שעהנע יודישע ווארט פון די „ווילנער“ און עס איז אויך געשאפען געווארען א יודישער קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע און נאך אנדערע קליינע געשעהענישען.

מיט איין ווארט: מיר האבען געהאט א וואך, וואס האט פעראייניגט רוחניות מיט גשמיות.

אט די דאזיגע געשעהענישען וויל איך מסדר זיין אזוי ווי איך האב זיי געהערט און געזעהן.

גאט'ס ווארט.

די פויריגע דורות, ווען אין אונזער טרויריג יודיש לעבען האט זיך אויסגעגאסען גאט'ס צארן און מיר האבען געמיינט, אז מיר ווערען צוגעדריקט אונטער דער שווערער לאסט פון די צרות, איז אויפגעשטאנען דער נביא, וואס איז געווען בעהויכט מיט א גייסטרייכע נשמה און מיט זיינע ווערטער האט ער ווי באלזאם גרינגער געמאכט די ליידען און אין דעם ים פון פיין און אונטערדריקונג האבען מיר אבגעאטעמט; אין די אויגען האט זיך בעוויזען א פייערל, וואס האט גערופען צו נייע האפנונגען און געגעבען כח אויסצוהאלטען דעם גלות.

ח. נ. ביאליק געהער צו אט די נביאים און מוכיחים. אין א צייט, ווען ס'זענען אויסגעבראכען די פאגראמען אין רוסלאנד, ווען מען האט טויזענדער יודען געשאכטען און געשענדעט, איז דער פאעט חיים נחמן ביאליק געקומען און מיט א דונערענדע שטימע אויסגעקלאגט אונזער צער (שחיטה-שטאדט) און באלד האט ער אונז געטרייסט (דאס לעצטע ווארט) און עס איז אונז גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען.

דער דאזיגער פאלקס-פאעט איז די וואך געווען ביי אונז אין טשענסטאכאוו, אין דער פראווינץ-שטאדט, וואו די מענשען קאנען זיך נישט ארויפהויבען איבער זייערע קליינליכע אינטערעסען און ווי קליינשטעטעלדיגע יודען זענען זיי גרייט דורס צו זיין, ווען עס דאכט זיך, אז מען האט זייער כבוד אנגעריהרט אין דער שטאדט וואו שנאת-חנם איז לעצטענ'ס געווארען די אקטועלסטע פראגע בין אדם לחברו, אט אין דער שטאדט איז געקומען דער פאלקס-פאעט, וואס שטעהט העכער פון די קליינליכע פארטיי-פראגען און פערזענליכע אמביציעס און ער האט ווי א מוכיח, ווי א פאטער, זיך געבעטען, אז מיר זאלען צוריק צו זיך, אז מיר זאלען ווערען צוריק דאס עם-הספר, אז מיר זאלען זיין ראוי צו געהערען צום עם-הנצחי, זיין מיטגלידער פון ישראל סבא, עס האט זיך געהערט גאטס-ווארט.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט וויל איך אבער מאכען עטליכע בעמערקונגען אויפ'ן חשבון פון די ארגאניזאטארען, לויט דער בקשה פון א רייהע אנגעזעהענע חיגע בעלי - בתים אנהענגער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

די אויפנאהמע איז נישט געווען גוט ארגאניזירט. קודם-כל ביי דער באהן: א אונגעהויערער גרויסער עולם איז געקומען מקבל פנים זיין זייער דיכטער און יעדער האט איהם געוואלט זעהן (ווארום נישט יעדער האט געקאנט זיך דערלויבען אויסצוגעבען אויף א בילעט) איהם כאטש פונדערווייטענס בעגריסען מיט א „יחי“! נאר אלע זענען אוועק ענטטוישטע (עס זענען פערהאן נאך דעפעקטען ביי דער איינארדנונג), אבער דאס האט נישט קיין שייכות צום ענין, דער איינדרוק, אז ביאליק האט אונז בעזוכט איז א גרויסע פרייד און וועט לאנג בלייבען אין זכרון פאר די צוהערער.

נאך איין זאך איז ווערט צו בעגריסען, ח. נ. ביאליק, דער העברעאישער דיכטער, האט אלע זיינע רעדעס, סיי אויף דער פארלעזונג ווי אויך אויפ'ן באנקעט, געהאלטען אין יודיש. דערמיט האט ער אונטערגעשטראכען, אז יודיש, די שפראך פון מיליאנען איז די פאלקס-שפראך אין גלות און אז אויך אין יודיש קען גערעדט און פערשטאנען ווערען גאט'ס ווארט.

די ארימע קינדערלעך, נעביך.

א כאראקטעריסטישען עפיזאד וויל איך פערצייכענען.

צו דער פארלעזונג פון דיכטער ביאליק זענען געקומען צופאהרען פון אלע ארומיגע שטעדטלעך א גרויסע צאהל יוגענדליכע און צווישען זיי אויך שומרים. צומארגענס אינדערפריה קומען צו אונז אין רעדאקציע אריין עטליכע יונגע שומרים פון קרזעפיץ, באשר, אז אזוי ווי זיי האבען נישט אויף די הוצאות צוריק, זאלען מיר זיי ארויסהעלפען.

וואס וויל איך דערמיט זאגען? אז ווען מיר זענען געווען יונגע אידעאליסטען האבען מיר זיך נישם געפוילט אזא דיסטאנס צו הולכ'ן מיט די רגלים... און היינט איז די יוגענד עמפפינדליך און קאן נישט אנדערש, נאר פאהרען. זענען זיי נעביך געשטאנען און געבעטען הילף, אז מען זאל זיי געבען די מעגליכקייט אהיימצופאהרען.

איך האב זיי געראטען, אז זיי זאלען צוריק עולה רגל זיין.

ארבייטסלאזיגקייט...

ענדליך איז געשאפען געווארען א קאמיטעט פאר יודישע ארבייטסלאזע,

ארבייטסלאזע? וואו האט איהר ביי יודען ארבייטסלאזע, וואס זענען רעדוצירט געווארען פון זייערע ארבייטס-פלעצער. וואו האבען זיי דען געארבייט, וואו האט מען זיי דען בעשעפטיגט, דאס זיי זאלען יעצט בעת'ן קריזיס ווערען ארבייטסלאז?

אמת עס זענען פערהאנען פרנסה-לאזע, דאכלאזע, געלד-לאזע, רעכטלאזע, פאלטענלאזע, קויהלען-לאזע, הארצלאזע, שיכלאזע, מענשליכקייט-לאזע און אנדערע „לאזע“, אבער ארבייטס-לאזע? פאר דעם זענען אבער ביי אונז נישט פערהאנען פליכטלאזע, אז בעת עס איז א צרה אויף דער וועלט און מען וויל ראטעווען די הונגעריגע מענשהייט קומט מען צו די יודען און מען פאדערט זיי אויף, אז זיי זאלען ערפולען זייער פליכט און צאהלען, און וואס מעהר, איז אלץ בעסער, איי פרעגט מען דאך, טויזענדער יודען געהען אויס פאר הונגער, און די געצעהלטע, וואס האלטען זיך נאך אויף די פיס, פערלירען דאך אויך דעם באדען, איז דער תירוץ, ארבייטסלאזע.

דער רעגולאמין פון דעם דאזיגען ארבייטסלאזען קאמיטעט זאגט בפירוש,

און וואס ער שאפט איז לטובת זיין לאנד, יודען אין גלות לייסטען בלויז פאר זייערע וואוין-לענדער, פאר וועלכע זיי האבען געטהון און טהון ביז'ן היינטיגען טאג זעהר פיעל לייסטען, אבער זיי מוזען דאך עטוואס טהון אויך פאר זייער פאלק און זייער לאנד.

די יודישע תורה איז א תורת-חיים, וואס גיט ארויס פון זיך לעבען און שאפען. אין יעדער עפאכע נעפונען זיך דאריבער גרויסע מענשען, וואס שאפען פאר'ן יודישען פאלק נייע מעינות חיים, וואס שאפען פאר אונז גייסטרייכע גיטער, וואס וועקען אויף די פערשלאפענע, די עצמות היבשות פון פאלק, וואס רופען צוריק צום שטאם די פערוועלקטע אבגעפאלענע בלעטלעך און — דאס איז ציוניזם.

דאביי איז מען אבער נישט יוצא מיט'ן קויפען א שקל, נישט קיין טרוקענעם ציוניזם זענען מיר אויסען, דער ציוניזם מוז אויפלעבען די יודישע גייסטיגקייט און מוז אריינברענגען א רוח חיים, א אינהאלט אין גאנצען יודישען לעבען.

די יודען אין געטא האבען מיט מסירות-נפש געקעמפט צו דערהאלטען זייער דת און קולטור, אין זייערע ענגע פערשטיקטע מויערען האבען זיי פיעל גייסטיגע אוצרות געשאפען, און דער ציוניזם, דער גרויסער פאלקס-אידעאל וועלכער מוז דאס ממלא זיין, דארף האבען א שולחן-ערוך (נישט ח"ו געגען דער תורה און די תרי"ג מצוות) לויט וועלכען מען זאל פיהרען א ספעציעלען לעבענס-שטייגער.

דאן געהט דער דיכטער איבער צו זיין הויפט-אויפגאבע וועגען דער העברעאישער שפראך און קולטור, מען זעהט ווי זיין הארץ בלוטעט און ווי עס ווילט זיך איהם וויינען אויף דער ירידה פון דער העברעאישער שפראך אין אונזער אלטער קולטור. ער דערמאנט ווי אזוי דאס העברעאישע בוך ווערט פערשפרייט און בענוצט אין א"י אז די 150 טויזענד יודען אין א"י פערברויכען מעהר העברעאישע ביכער ווי די 17 מיליאן יודען אין גלות, ווי אזוי דער גאנצער גלות קען נישט אויסהאלטען קיין איינציגע העברעאישע צייטונג אין דער צייט ווען אין א"י ערשיינען דריי טעגליכע צייטונגען, 12 וועכענטליכע און עטליכע חודש-בלעטער אלץ אין העברעאיש, פון געוויסע העברעאישע אויסגאבען זעגען אין א"י פערקויפט געווארען צו 2000 עקזעמפלארען און אין גלות עטליכע צעהנדלינג.

די אויפלעבונג פון יודישען גייסט איז דאס אויפלעבען פון אונזער העברעאישער שפראך און אונזער רייכער העברעאישער קולטור, אויב דער ציוניזם האט די אויפגאבע פון אויפלעבען דאס יודישע פאלק, איז די אויפגאבע פון זיינע מנהיגים (די מנהיגים האבען ליידער „וויכטיגערע" אויפגאבען) נישט צו פערנאכלעסיגען די העברעאישע שפראך, דאס איז איינס פון די עיקרים, פון די יסודות, אויף וועלכע אונזער נאציאנאלער גייסט קען זיך דערהאלטען, דאביי מוזען מיר גערענקען אין די זעהר וויכטיגע פראגען ווי דער סדר-הלימוד אין די שולען, דאס אבהיטען שבת און יום-טוב, וואס דארפען אומבעדינגט איינגעארדענט און אבגעהיטען ווערען.

עס איז שווער אויפצובויען ארץ-ישראל—רופט אויס דער דיכטער—אבער נאך שווערער איז אויפצובויען דאס יודישע פאלק אין גלות, אז עס זאל פערשטעהן זיינע הייליגסטע פליכטען, דאס עלעמענטארסטע, וואס איז נויטווענדיג פאר זייער עקזיסטענץ אלס פאלק.

דעם גייסטרייכען רעפעראט, וואס איז גערעדט געווארען מיט הארץ און נשמה האט דער גרויסער עולם אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און נאכדעם ווי דער ארקעסטער פון דער „לירא" האט געשפילט „התקוה" איז זיך דער עולם צוגאנגען אין א געהויבענער שטימונג.

נאכ'ן האנדווערקער קאנגרעס

— II —

די פראקטישע ארבייטען אויף דעם לעצטען האנדווערקער-קאנגרעס זענען געשטאנען אונטער'ן צייכען פון נאוועליזירען דאס אינדוסטריע-געזעץ פון 15 דעצעמבער 1927 בנוגע די צוואנג אדער פרייע צעכען.

די אויטארען פון דערמאנטען געזעץ זענען—ווי בעוואוסט—געווען די ענדעקישע האנדווערקער-טהוער, וועלכע האבען געוואלט מיט דעם געזעץ דערפיהרען צו דער פערניכטונג פונ'ם גאנצען יודישען האנדווערקערטום אין פוילען. מען האט געוואלט פון איין זייט שטעמפלען אלע נישט - דיפלאמירטע האנדווערקער, וואס פון זיי איז 99 פראצענט יודישע, אלס טאנדעטניקעס. און פון דער צווייטער זאלען נישט-דיפלאמירטע מייסטערס נישט האבען דאס רעכט צו בילדען לערן-יונגלעך.

אט די צוויי מאמענטען זענען אייגענטליך געווען דער באדען, אויף וועלכען די פערשידענע ענדעקישע מאכט-האבער האבען געוואלט פערפלאנצען דאס פערניכטונגס - געזעץ. די יודישע האנדווערקער-טהוער האבען זיינער צייט אלעס אנגעווענדעט אום אנצוטעמפען די פערגיפטע שפיצען פון דעם געזעץ און מיט'ן אנקומען פון היינטיגען רעזשים איז ווירקליך געלונגען עטוואס צו פערבעסערן און דאס געזעץ איז אין דער פארם פון א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט דעם 15 דעצעמבער 1927 יאהר אריין אין קראפט.

ליידער איז דאס געזעץ אזוי צוזאמענגעשטעלט, אז וועלענדיג בעפרידיגען אלעמען, ברענגט עס פאקטיש נאר שאדען.

פון איין זייט גיט עס אונז יודישע האנדווערקער פון ג. קאנגרעס - פוילען און די קרעסטען די מעגליכקייט צו ווערען דיפלאמירטע מייסטערס און צו גרינדען פרייע צעכען, דאביי בעשווערט עס אבער זעהר און זעהר אונזערע בודזשעטען און פון דער צווייטער זייט ווערט א גרויסער טייל יודישע האנדווערקער אין קליין-פוילען שטארק בעצולט פון דעם געזעץ.

די יודישע האנדווערקער פון גאליציען, וועלכע האבען די לעצטע הונדערט יאהר געלעבט אין אנדערע בעדינגונגען ווי מיר, האבען שוין הינטער זיך א טראדיציע פון פיעל צעהנדלינג יאהר געמיינזאמע צעכען-ארבייט מיט זייערע נישט-יודישע פאך-קאלעגען. און דאס האט דערפיהרט דערצו אז א זעלבסטשטענדיגער האנדווערקער אין קליין-פוילען, סיי יוד, סיי נישט-יוד, מוז בעזיצען אין א געהעריגער מאס אזוי פאך ווי בילדונגס-קענטנישען און מיט'ן איינפיהרען דאס אינדוסטריע-געזעץ, ווען מען קען גרינדען פרייע צעכען און יעדער יונגער ארבייטער קען נאך 5 יאהר ארבייטען ביי א זעלבסטשטענדיגען האנדווערקער אליין פיהרען א ווארשטאט קען מען זיך לייכט פארשטעלען זייער פערביטערונג געגען דעם געזעץ.

און דער קאנגרעס, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט פארשטעהער פון דעם יודישען האנדווערקערטום פון גאנץ פוילען, האט טאקי געזוכט אנ'אויסוועג פון דער לאגע, אזוי אז מען זאל מעהר ווייניגער אלע צופרידענשטעלען.

און דער פערבאנד האט נאך פערשידענע בעראטונגען מיט די מאסגעבענדע ספערען, וועלכע בעציהען זיך אגב זעהר ווארים צו אונזערע פאסטולאטען — אויסגעארבייט א נייער פארם פון ארגאניזירען פונ'ם האנדווערקערטום און פוילען, נעמליך עס זאל געשאפען ווערען „ווירטשאפטליכע קרייזען" פון יעדען פאך בעזונדער און צו זיי זאלען אויף א צוואנג'ס אופן מוזען געהערען אלע פאכמענער אהן אונטערשיעד פון נאציע. די רעגירונג ווייזט אן, אז אזאלכע „ווירטשאפטס-קרייזען", וועלכע וועלען ארגאניזירט ווערען אין א לאנדס - מאסשטאב קאנען שאפען זעהר פיעל פאר דעם האנדווערקערטום.

דער צווייטער וויכטיגער פונקט איז געווען די פראגע פון עקספארט פון די האנדווערקער פראדוקציע. די פראגע איז פארלויפיג אין סטאדיום פון ארגאניזירונג און לויט מיין מיינונג — אויב דער פערבאנד וועט קאנען צו דעם געבעט, צוציהען געניטע פאכמענער, וועט מען קאנען פיעל אויפטהוען צום גינסטען פון יודישען האנדווערקערטום.

עס זענען אויך אנגעקינדיגט געווארען מצד די רעגירונגס - פארשטעהער זעהר ברייטע אונטערשטיצונגען, אין

פרייע טריבונע.*)

מיט וואס ערקלערט זיך דאס?

אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" נר. 40 האט ה' ש. ניעמיראווסקי פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל א. ד. ט. „ווער איז שולדיג" אין וועלכען ער האט ריכטיג בעלויכטען די פערהעלטנישען ארום דעם קהלה - קאמף, ביי אונז אין טשענסטאכאוו, איז איינע פון די הויפט-סבות פון דער געשאפענער לאגע די ראלע פון די ציונים אין זייער אייגענעם קאמף געגען די דעמאקראטען.

דער קאמף געגען די דעמאקראטען איז זעהר נישט עטיש געפיהרט געווארען און ווערט ווייטער פארטגעזעצט. מען וויל שאפען ביי דער געזעלשאפט דעם איינדרוק, אז מען האט פאר זיך אנ'אנטי-ציוניסטישען פראנט.

די געזעלשאפט איז אבער נישט אויף אזוי פיעל נאאיוו אויף וויפיעל מען וויל דאס האבען און די געזעלשאפט ווייסט, אז דער גאנצער קאמף געגען די דעמאקראטען איז פון אנהויב ביז'ן סוף דעמאגאגיע.

צי קענען מיר נישט די פערזאנען, וועלכע רעפרעזענטירען די דעמאקראטען? צי ווייסען דען נישט די ציונים אז א טייל זענען ציונים און א טייל געהערען צום לאגער פון האלב-נאציאנאלען עלעמענט פון יודישען פאלק מיט וועלכע מען האט געשאפען די פערברייטערטע „יודישע אגענץ".

אויף וויפיעל עס איז מיר בעקאנט זענען די דעמאקראטען געגאנגען צו די וואהלען, כדי מיטצוארבייטען מיט די ציונים, אבער אנשטאט בעגעגענען זיי מיט א פריינדליכע מיטארבייט האט מען זיי ערקלערט א אונזיניגען „גאסען-קאמף".

יעדער עהרליך-דענקענדער ציוניסט פרעגט זיך דאריבער: מיט וואס קענען די ציונים ווירקליך בערעכטיגען זייער קאמף געגען די דעמאקראטען, אין דער צייט, ווען זאגאר זייער נישט-ציוניסטישער טייל געהער צו דער שיכט יודען פון דער „יודישער אגענץ", וועלכע גיבען זייערע אונטערשריפטען אויף די אויפרופען פאר'ן „קרן היסוד" אין בעשטייערען זיך זעלבסט אין די נאציאנאלע פאלקס-פאנדען?

פארוואס האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין ווארשא געשאפען א ליסטע פון דעמאקראטען צו די קהלה-וואהלען, וועלכע גרופירען זיך אויך פון דעם האלב-נאציאנאלען עלעמענט פון דער „יודישער אגענץ" און ביי אונז אין טשענסטאכאוו, זענען זיי שעדליך אין דער קהלה-ווירטשאפט?

וואס האבען אונז געוויזען די רעזולטאטען פון די קהלה-וואהלען? אז די נאציאנאלע עלעמענטען האבען געהאט א גרויסען זיעג געגען דער אגודה און די ווארשעווער פרעסע האט וועגען אונזער שטאדט געשריבען ווי וועגען א מוסטער-שטאדט.

און די ציונים, וועלכע האבען פון דעם נאציאנאלען נצחון געדארפט זיין צופרידען טהון כסדר פארטזעצען זייער קאמף, געגען זייערע אגענץ - חברים, וואס עס רופט שוין ארויס עקעל ביי יעדען אויפריכטיגען ציוניסט.

חברים ציונים! אייער אומגעלומפעטער קאמף געגען די דעמאקראטען און אויך די „פראסאווע זידלערייען" געגען פערזאנען, וועלכע האבען געברענגט פיעל קרבנות פאר'ן ציוניזם (אלענפאלס מעהר ווי אייערע אנאנימע שרייבער...) מאכען אייך נאר לעכערליך אין די אויגען פון דער עפענטליכקייט און ברענגען פיעל שאדען די אינטערעסען פון אלגעמיינעם ציוניזם.

אויב אייערע מיטגלידער פראטעסטירען נישט עפענטליך, געגען דער אונערהערטער טאקטיק, איז עס דערפאר ווייל די מיטגלידער זענען פאסיוו צו דער ארגאניזאציע און גלייכגילטיג צו אייערע פיהרער... אבער זייט זיכער, אז קיין שום ערליכער ציוניסט וועט דאס נישט טאלערירען.

ל. קאפינסקי.

*) אונטער דער רובריק גיבען מיר ארטיקלען, מיט וועלכע מיר זענען טיילוויז נישט איינשטימיג.

די רעדאקציע.

דער קרעדיטען פראגע, פאר דעם יודישען צוגלייך מיט דעם נישט-יודישען האנדווערקערטום.

איך וואלט שוין אייגענטליך געקאנט ענדיגען מיין איבערזיכט, אבער איך האלט פאר מיין חוב אין קורצען איבערצוגעבען די פראגע פון דער אפאזיציע, עס איז אין דער ערשטער רייהע נישט אמת די אלע קלאגען וועגען נישט צולאזען וועמען צו א קאנגרעס... נאר אמבעסטען קאן כאראקטעריזירען פאלגענדער פאקט:

צווישען די יודישע האנדווערקער אין פוילען געפינט זיך א זעהר סימפאטישע פערזעהנליכקייט, נעמליך, דער ווילנער ראש הקהלה, קרוק. אליין א ציוניסט, פיגורירט ביי די לעצטע סיימוואהלען אויף דער ליסטע № 17 און האט אנטייל גענומען אין קאנגרעס. און אויף מיין פראגע מיט וואס ערקלערט זיך זיין אנטייל אין קאנגרעס — האט ער ערקלערט: ווי די האנדווערקער מאסע איז, דא בין און אויך... דער ענטפער כאראקטעריזירט שוין גענוג די האדלונג פון דער אפאזיציע.

ד. קאניעצפאלער.

ביי געדערם=וויטאגען, לעבער און גאל-ליידען, גיכט, מאגען און געדערם-קאטאר, בעזייטיגט דאס נאטירליכע ביטער-וואסער
Franciszka Józefa
שנעל און אהן שמערצען וויטאגען אין די הינטער-לייב-ארגאנען.

אז מען דארף נאר שטיצען די יעניגע וועלכע זענען פערעגיסטרירט אלס ארבייטסלאזע, און דאס זענען ווער? פערשטעהט זיך דאך, פוילישע ארבייטער.

אויף דער פערזאמלונג, וואס איז פארגעקומען דעם לעצטען שבת אין דער יודישער קהלה צו דעם צוועק האט קלאהר בעוויזען אונזער טראגעדיע, טויזענדער יודישע ארימע לייט, נעכטיגע גבירים — היינטיגע פענטאקעס, און זייער מחנה פערגרעסערט זיך און ווער עס זאל זיי העלפען איז נישטא, ווארים מיר יודען מוזען צאהלען אין דער אלגעמיינער קאסע, און זי די אלגעמיינע קאסע, האט שוין איהר אנגעצייכענטע ליניע, וועמען זי זאל שטיצען.

אמת, אונזער פליכט ערפולען מיר, די יודישע סוחרים האבען אויף זייער פערזאמלונג אנגענומען א בעשלוס זיך צו בעשטייערען אויף דעם צוועק צוגלייך מיט די פוילישע סוחרים. דאס זעלבע האבען געטהון די יודישע האנדווערקער, כאטש זיי זענען אזוי פערארימט, אז די גרעסטע מעהרהייט דארף אליין די שטיצע. אויך די קליינהענדלער בעשטייערען זיך, איבריגענס, איז די דאזיגע בעשטייערונג א פרייוויליגע, וואס איז פערבינדען מיט א צוואנגס-בעשטייערונג. און וואס וועט זיין מיט אונזערע טויזענדער-לאזע.

האט מען געגרינדעט א קאמיטעט אין וועלכען עס זענען אריין 20 פערזאן, פארשטעהער פון אלע ארגאניזאציעס און ריכטונגען און זיי וועלען האבען די אויפגאבע די דאזיגע זאך צו פערטיידיגען.

כאראקטעריסטיש איז, אז ביי דער פראגע זענען נישט געווען קיין פארטייאישע חלוקי-דעות, נאר אלע צוזאמען האבען געפיהלט די אחריות פאר דער זאך, גענומען זי ערנסט און ווי מען זעהט ווילען זיי ארבייטען.

זאגען מיר טאקי זיי: גוט האט איהר געטהון, א גרויסע צרה, א שרעקליכע קאטאסטראפע הענגט איבער אונז יודען און אויף אייך, ניי - געשאפענער קאמיטעט, ליגט די אויפגאבע, א הייליגער פליכט, צו לינדערן די גרויסע נויט, וואס הערשט אויף דער יודישער גאס.

עס טהוט וועה.

איך וויל מיר אראבערעדען א ביסעל דאס הארץ אויף דער גרויסער טראגעדיע וואס הערשט אין אונזער יודיש קולטורעלען שאפען.

מיר קומט אויס צו זיין אויף פערשידענע אימפרעזעס, וואס ווערען איינגעארדענט אין היגען שטאדט-טעאטער און מיט וועהטאג מוז איך פעסטשטעלען, אז מיר יודען זענען אין א זעהר טראגישער לאגע מיט אונזער גאנצען לעבען אין שאפען.

אט למשל: איך בין געווען אנוועזענד אויף א רעווי-פארשטעלונג פון פוילישע ארטיסטען, אונטער'ן נאמען „זשעלאני קאקאדו". דער זאל איבערפולט פון די בעסטע פוילישע געזעלשאפט, צווישען וועלכע עס געפונט זיך 75 פראצענט פון דער בעסערער יודישער געזעלשאפט. די נומערן וואס ווערען געגעבען אויף דער ביהנע זענען חלשות'דיגע, נארישע, אז די גאל ברעכט, דער עולם זיצט און קוקט צו. אמת עטליכע זענען אוועק אין מיטען, אבער דאס שטערט נישט די פוילישע ארטיסטען אוועקצופאהרען מיט א פיינעם פדיון.

א צווייטען אווענד, עס שפיעלען די ווילנער, יעדעס ווארט, יעדער אקט איז העררליך געשפילט, עס פערכאפט דעם אטעם פאר ענטציקונג, די נשמה ווערט בעהויכט מיט גייסטיגקייט. אדער עס שפילט דער „אררט", וואס יעדעס בילדעל שפראצט און בליהט, און ווער זיצט אין זאל א קליינער יודישער עולם. די מעהרהייט וויל צו קיין יודישע פערשטעלונג נישט קומען, זיי ווילען זיך בעסער קוויקען מיט די חלשות-דיגע נישט יודישע פארשטעלונגען. און אונזער אייגענס, וואס איז אזוי שעהן און העררליך, זעהען נישט די גוים, וואס ווען זיי וואלטען געזעהען און פערשטאנען וואלטען זיי דאך פאר אונז דרך ארץ געהאט און געהאט אכטונג פאר אונזער גרויסקייט. און עס זעהען עס אויך נישט די יודען, וועלכע קומען נישט זיך אליין דערקאנען און בעוואונדערען.

די דאזיגע געדאנקען זענען מיר געקומען אויפ'ן מח, ווען איך האב בייגעוואוינט זייערס און אונזערס, און עס טהוט מיר אזוי וועה, אזוי וועה.

פון דער נייער סינאגאגע פראנט.

איך האלט מיין צוזאג און מעלד אייך וואס עס הערט זיך אויפ'ן נייעם סינאגאגע פראנט, נעמליך: דעם לעצטען שבת האט ווייטער נישט געדאווענט דער אלטער קאנטאר, נאר עס איז איינגעלאדען געווארען דער טאלאנטפולער זינגער און חזן ה' וו. שמידט.

פונקט איז געווען שבת מברכים און פון דאווענען און ראש חודש בענשען איז דער עולם געווען זעהר צופרידען און האבען אויסגעדריקט זייער בעגעהר, אז ער זאל ווייטער דאווענען.

מעהר קיין נייעס איז פארלויפיג נישטא.

„כאפערס".

אין די צייטען פון ניקאלאי דעם ערשטען, איז געווען ביי אונז יודען כאפערס. מען האט געכאפט קליינע יודישע קינדערלעך, זיי אבגעגעבען פאר סאלדאטען, וואו זיי האבען אבגעדינט 25 יאהר.

וועגען די דאזיגע יודישע כאפערס איז אנגעשריבען געווארען א גאנצע ליטעראטור, וואו זיי ווערען פארגעשטעלט אלס די שווארצע טייוולאנים פון דער יודישער מחנה.

היינט, האב איך אייך אויך צו דערצעהלען וועגען נייע מאדערנע „כאפערס", וואס כאפען יודישע קינדערלעך און גיבען זיי אן אלס — תלמידים פון זייער חדר.

אויף אגראדאווע גאס וואוינען 2 מלמדים. א מאל האבען זיי געהאט א שותפות חדר, היינט, האבען זיי זיך אבגעטיילט, זענען זיי צווישען זיך אדורכגעקומען מיט'ן לאקאל, מיט די בענק און אנדערע מכשירים. זיי האבען אבער נישט געקאנט אדורכקומען מיט די תלמידים, האבען זיי זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן הויף אבווארטען די יונגלעך און ווי עס האט זיך נאר בעוויזען א תלמיד, זענען איהם די מלמדים בעפאלען און אנכאפענדיג איהם ביי די פאלעס, האט יעדער איהם געצויגען צו זיך און געשריגען כולה שלי. דאס יונגעלע איז נעבי‍ך דערשראקען געווארען און זיך צוויינט, אזוי ווי דאמאלס מיט יאהרען צוריק, בעת עס זענען געווען די אמת'ע כאפערס...

דאס איז דאמאלס ווען די מלמדים האבען געמאכט יד אחת, געשאפען א קאמיטעט, וואס האט געדארפט איינפיהרען ארדנונג, סיי אין למוד און סיי אין צונעמען די קינדער. — „כאפערס".

לויתן

א שעה מיט ח. נ. ביאליק.

(צו ביאליק'ס בעזוך אין אונזער שטאדט.)

מיט אונגעדולד האבען מיר געווארט אויף דעם גרויסען מייסטער, ביז מיר האבען זיך דערווארט. נאך ווארשא און לאדז איז אויך אונזער שטאדט צוגעפאלען דער כבוד אויפצונעהמען ביי זיך דעם גרויסען גאסט.

ווי גרויס עס איז אונזער שטאלץ און פאלקס-געפיהל צייגט די ליעבע און פעראינטערעסירונג, וואס מיר האבען ארויסגעוויזען דעם דיכטער בשעת זיין ווייל'ען ביי אונז. זיין בעזוך האט געמאכט דעם געהעריגען רושם, מיר האבען געוויזען, אז מיר פערשטעהען אבצושאצען דעם כבוד וואס מען האט אונז געטהון.

א טויזענד קעפיגער עולם האט זיך פערזאמעלט ארום דעם וואקזאל און מיט שפאנונג געווארט אויפ'ן גאסט. אלע אהן אונטערשיעד פון קלאס און איבערצייגונג, יעדער האט זיך צייט גענומען, צו בעגריסען דעם גאסט מיט דעם טראדיציאנעלען „יחי".

די יוגענד איז געוועזן זעהר רייך פערטרעטען; געוועזן זשאבאטינסקיס גווארדיע, געוועזן „הרצליה" און דאס יודישע נימנאזיום, אלע מיט נאציאנאלע פעהנער, ווי אויך דער גימנאזיע-ארקעסטער.

דעם גאנצען נאכמיטאג האט געהערשט אין שטאדט א פייערליכע שטימונג, פשוט יום-טוב. פארנאכט האט זיך דער עולם געאייל'ט אין שוהל אריין אויפ'ן רעפעראט פון דיכטער, די שוהל איז געווען איבערפולט. ס'זענען געקומען יודען פרומע און נישט - פרומע. גאנצע און האלבע יודען, פון אלע מיני פארטייען און שיכטען, אפילו אזעלכע, וואס א גאנץ יאהר האבען זיי אין שוהל נישט בעוויזען זיך. דא האבען מיר געזעהען דעם אלטען אמת וועגען דיכטער, דעם בעקאנטען אפאריזם „ביאליק לית מאן דפליג", ביאליק האט נישט קיין געגנער, ביי אלע בעליעבט, געאכטעט און געשעצט.

דער יום-טוב האט זיך אבער אין דעם טאג נישט געענדיגט. צומארגענס איז ביאליק געוועזן צוגאסט אין יודישען גימנאזיום.

פון פריה אן האבען די שילער און שילערינס מיט דער הילף פון די לעהרער געמאכט די געהעריגע הכנות, כדי אויפצונעהמען דעם גרויסען משורר, וואס איז זיי ספעציעל אזוי נאהנט, וואס זיי זענען אדורכגעדרינגען מיט זיין גייסט. די שילער און שילערינס האבען געשאפען א פיער-עק ארום א שעהן-דעקארירטען פלאץ אויפ'ן שוהל-הויף אונטער'ן פרייען הימעל. די שול-ארקעסטער האט געשפילט „תחזקנה" און מיט א הויך-שאלענדען הידד! הידד! האבען די שילער בעגריסט דעם דיכטער. דעם דיכטער האט מען דערלאנגט בלומען און א שילער האט אין אלעמענס נאמען איהם בעגריסט אויף העברעאיש.

דער דיכטער האט גערעדט העברעאיש, ווייל אלע האבען דאך איהם פערשטאנען. גערעדט האט ער וועגען דער העברעאישער שפראך, די שילער דארפען לעגען מעהר אכט אויף דער שפראך און אויף דעם העברעאישען בוך. די שפראך איז דער שליסעל פון לעבען „השפה היא המפתח לכל האוצרות"; דער שילער זאל זיך נישט בעגנוגענען מיט די שול-לעקציעס נאר ער זאל אויך אין דערהיים לייענען העברעאיש און פיעל דערויף ארבייטען, ווייל יגיעה מביאה לידי אהבה ואהבה למסירות נפש, וועט ער האבען דערפון נוצען און אנדערע אויך ברענגען נוצען. דאס אינטערעסאנטע געשפרעך האט ער געענדיגט מיט די ווערטער: תורה איז די בעסטע סחורה.

ביאליק האט, צוליעב מאנגעל אין צייט, פערברענגט אין אונזער קרייז א קורצע צייט, דאך וועלען מיר זיין בעזוך שטענדיג געדענקען, זיין געשטאלט און ווערטער האבען זיך טיעף איינגעקריצט אין זכרון פון יעדען שילער.

יל"ק

א בעזוך אין קליינהענדלער פערבאנד.

עס האט מיך אינטערעסירט צו זעהען ווי עס זעהט אויס יעצט (נאך דער פעראייניגונג) דער היגער קליינהענדלער-פערבאנד. דער דאזיגער פערבאנד, וועלכער איז מיט עטליכע יאהר צוריק געווען דער מעכטיגסטער יודישער פאקטאר אין ארגאניזאציאנעלען לעבען אין אונזער שטאדט, איז צוליעב דער ענטשטאנענער שפאלטונג כמעט נישט געווען טעטיג. ערשט לעצטענס האבען די אנפיהרער פון ביידע פעראיינען איינגעזעהען, אז לענגער קען עס אזוי נישט דויערען און האבען ביידע פעראיינען פעראייניגט.

איך קום אריין אין לאקאל, טרעף איך אין דער ערשטער שטוב פרל. ליליענקראנץ, די ביבליאטעקארין פון דער פעראיינס-ביבליאטעק ביי דער ארבייט. ביים טיש שטעהען א 7–8 יוגענדליכע און קלויבען זיך אויס ביכער. די ביבליאטעקארין האט מיר געגעבען ערקלערונגען איבער דעם שטאנד פון דער ביבליאטעק. אין צווייטען צימער בעגעגען איך דעם פערבאנדס-פרעזעס ה' מענדיל עפשטיין, וועלכער ערקלערט מיר, אז דער פערבאנד צעהלט ביז'ן היינטיגען טאג אנ'ערך פון 400 מיטגלידער. פאקטיש זענען אבער פערהאנען אין אונזער שטאדט מעהר ווי 2000 קליינהענדלער, נור די שרעקליכע דעמאראליזאציע, וועלכע האט זיך אריינגעכאפט אין די רייהען פון קליינהענדלערשום האט גירם געווען דערצו, אז פיעל קליינהענדלער פערשטעהען נישט ווי ווייט עס ליגט אין זייער אייגענעם אינטערעס צו זיין פעראיינס-מיטגלידער ער גיט מיר אויך איבער זעהר אינטערעסאנטע ציפערען, פון וועלכע מען קען לייכט זעהען וואס פאר א פארטשריט דער פעראיין האט געמאכט אין משך פון די 2–3 חדשים נאך דער פעראייניגונג.

ביי א ביורא-טיש דערנעבען זיצט דער סעקרעטאר, רעכטס-קאנדידאט ה' א. בראטמאן און ערטיילט די מיטגלידער גאנץ אומזיסט, יורידישע עצות, ס'רוב האבען א שייכות מיט שטייער-פראגען. א גרופע יודען ווארט אין דער רייהע ביים סעקרעטאר, אום צו שרייבען רעקורסען געגען דעם לעצטענס אויסגעמאסטענעם איינקונפטס-שטייער וואס עס ווערט געטהון פאר א מיני-מאלען אבצאהל. דער סעקרעטאר ערקלערט מיר, אז יעדער רעקורס ווערט בעארבייט אויפ'ן סמך פון געזעץ ביי דער אנווענדונג פון געהעריגען פאראגראף אדער אקולניק.

איך האב אויך געטראפען אין אנדערען צימער א פערזאמלונג פון 30–40 מאן. דאס בעראטען זיך די מיטגלידער פון דער מענער-גארדעראבע סעקציע וועגען לעבענס-פראגען וואס זענען זיי נוגע.

איך פערלאז דעם פעראיין, געזעגענדיג זיך מיט'ן חשוב'ן פרעזעס ה' מענדול עפשטיין און אנגעשטעלטע מיט דער האפנונג, אז די קליינהענדלער וועלען זיך מעהר פעראינטערעסירען מיט זייער פעראיין, איהם מיטהעלפען און געבען די מעגליכקייט צו שטעהן אויף דער געהעריגער הויך פון זיינע אויפגאבען.

ש.

געשאפען א יודישען הילפס - קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע.

פערגאנגענעם שבת צונאכט'ס איז אין דער קהלה צונויפגערופען געווארען א פערזאמלונג פון דאזארעס, פרנסים און פארשטעהער פון א רייהע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, כדי צו שאפען א קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע.

די זיצונג עפענט פרעזעס ה' ש. גאלדשטיין, וועלכער ערקלערט אין קורצע ווערטער דעם צוועק פון דער צונויפגערופענער פערזאמלונג. דערביי בעריכטעט ער, אז עס איז שוין פארגעקומען אזא זיצונג, וועלכע האט געשיקט א דעלעגאציע צום פארזיצער פון שטאדטישען קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע ה' מאטולא, מאכענדיג איהם אויפמערקזאם, אז יודען, וועלכע זענען אין דער לאגע, וואס זייערע ארבייטסלאזע זענען נישט פעררעגיסטרירט אין די מלוכה'שע ליסטעס און ליידען אויך הונגער; אז א גרויסער טייל יודען זענען פרנסה'לאז און דעריבער דארף אויך פאר זיי געזארגט ווערען, דעריבער פאדערען זיי, אז מען זאל אויך אריינגעהמען יודישע פארשטעהער אין שטאדטישען קאמיטעט און פון די הכנסות זאלען אויך קאנען געניסען די פרנסה-לאזע יודען, אויף וועלכען דער פארזיצער האט ערקלערט, אז וואס שייך די בעטייליגונג פון יודען געפונען זיך צוויי יודען אין ראט אין די פערזאנען פון די ה"ה ז. שטילער און ר. מארקאוויטש; און וואס שייך זייער אינטערשטיצונג פאר די ארימע יודען, וועט ער די זאך בעריהרען אויף דער זיצונג פון שטאדטישען קאמיטעט.

וועגען דער דאזיגער פראגע ענטוויקעלט זיך א ברייטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעהמען אנטייל כמעט אלע אנוועזענדע און עס ווערען ארויסגעזאגט פערשיעדענע פראיעקטען, ביי וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער געדאנק, אז יודען וועלען אממייסטען זיין בעשטייערט פאר דעם ארבייטסלאזען קאמיטעט און וועלען אמווייניגסטען געניסען דערפון. דאך זענען זיי אבער אלע מסכים, אז עס מוז געשאפען ווערען א יודישער קאמיטעט.

און אין רעזולטאט ווערט אויסגעוועהלט א קאמיטעט צוזאמענגעשטעלט פון 20 פאלגענדע פערזאנען:

הרב ר' נחום אש, ש. גאלדשטיין, ז. וועקסלער, י. ראזענבערג, אדוו. גליקסאן, ז. שטילער, ד"ר סטעפאן קאהן, ד"ר באטאוויא, ראמאן מארקאוויטש, ד"ר הירשבערג, ד"ר היפאליט גייסלער מ. נויפעלד, מ. פאגעל, אהרן קאנגרעצקי, ד. דזיאלאזיטש, ד"ר מערינג, אדאלף עפשטיין, בעריל געווערצמאן, פ. שפירא, א. שענפעלד.

דינסטאג אוונד איז פארגעקומען א זיצונג פון קאמיטעט, וועלכער האט אויסגעוועהלט א פרעזידיום פון פאלגענדע פערזאנען:

גליקסאן — פארזיצער, שטילער און גאלדשטיין — וויצע פארזיצענדער, אדוו. מארקאוויטש — סעקרעטאר.

דאן איז אויך אויסגעוועהלט געווארען א עקזעקוטיווו פון פאלגענדע 7 פערזאן:

ד"ר באטאוויא, פ. שפירא, יצקב ראזענבערג, ד"ר סטעפאן קאהן, ד"ר הירשבערג, א. שענפעלד און מ. פאגעל.

דער עקזעקוטיווו האט אויך אבגעהאלטען די ערשטע זיצונג און אויסגעוועהלט פאלגענדען פרעזידיום: פ. שפירא — פארזיצער, ד"ר באטאוויע — וויצע פארזיצער, ד"ר הירשבערג — סעקרעטאר.

א האנדווערקער-פערזאמלונג.

מארגען שבת דעם 17 ד. ח. 11 א זייגער פריה קומט פאר אין אייגענעם לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד א פערזאמלונג מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) בעריכט פון לעצטען האנדווערקער-צוזאמענפאהר, 2) וועגען דעם ניי-געשאפענעם ארבייטסלאזען קאמיטעט.

פערבייגעהענדיג.

דאס בעסטע בוך...

קויפט ביכער! שטיצט אונטער דאס פערוואָרלאזטע יודישע בוך! בעטייליגט זיך אין דער ליטעראטור-אקציע! לייזט אויס דאס בוך!

לייען איך די דאזיגע לאזונגען און טראכט זיך: ווער וועט דאס היינט קויפען א בוך? ווען מען ליגט אין זינען ביכער אין דער צייט, ווען מיר טראכטען וועגען אביסעל יושקע פאר זיך, פאר'ן ווייב און קינדער און וואו זענען דאס אהינגעקומען די ארבייטסלאזע? פאר זיי, ברודערקע, מוז מען דאך זארגען, ווארום אנדערש איז דאך איינגעשטעלט אויך אונזער ביסעל יושקע...

שאפט מען קאמיטעטען, מען בעשטייערט די בעפעלקערונג מיט אבצאהלונגען. צאהל פאר'ן פאטענט, צאהל פאר דער פאסט, צאהל פאר אשר-יצר-לעך, צאהל און צאהל ביז — ביז דו וועסט אויך אריין אין דער מחנה ארבייטסלאזע און דאמאלס וועט דיר ערשט אראב דער זארג פון די פליי-צעס און אנדערע (אויב עס וועלען נאך ביז דאמאלס זיין אזעלכע) וועל'ען פאר דיר זארגען. .

נו, קום אין אזא צייט און האב אין זינען צו קויפען ביכער.

עס איז ביז נישט לאנג געוועזן א בוך און א גוט בוך, מען קען זאגען דאס בעסטע ביכעל — דאס טשעק-ביכעל, גאר לעצטענס א וועה, איז אויך דאס בוך גארנישט ווערט, ווארום די באנק, אין וועלכער מען האט געהאט ליגען דאס געלד האט בעקומען צוגעזעצט א נאמען „ראט" און איניאיינעם מאכט עס: באנק-ראט.

אזוי ארום האט דאס איינציגע ביכעל, וואס האט געהאט א געוואלטיגען צוציהונגס-כוח, וואס האט געקענט די מענשען בעוועגען צו הויכע מעשים, האט אויך פערלוירען זיין אינהאלט און ווערט.

קויפט ביכער, ווארום יענע ביכער, פאר וועלכע מען האט געקענט קויפען די וועלט האבען באנקראטירט.

די נאטור אליין העלפט מיט.

שוין 2 וואכען ווי די מענער-מאגאזין-שניידער זענען ארויס אין א שטרייק.

זיי פאדערן, אז מען זאל זיי געבען דיזעלבע פרייזען וואס פריהער, ווארום זיי קענען נישט ארבייטען 16 שעה אין מעת-לעת און דאביי נישט פערדינען אויף קיין ברויט.

דער שטרייק האט זיך אנגעהויבען באלד נאך סכות, ווען דאס וועטער איז געוועזן א שלעכטעס און „עמך" איז געוועזן זיכער, אז די גערעכטע פאדערונגען וועט מען זיי נאכגעבען, ווייל דער עולם וועט שרייען ווינטער - מלבושים! דערווייל האט זיך די נאטור צושפילט, די זון האט אנגעהויבען צו ווארימען (זי איז א רעאקציאנער) און די מאגאזינערס האבען געלאכט פון זיי שטרייקערס. די לאגע איז געווארען אלץ שרעקליכער און עס האט געהאלטען אז די שטרייקער זאלען פערשפילען. נאר די לעצטע מינוט האט זיך די נאטור מישב געוועזן און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די כאלופניקעס, די זון האט זיך בעהאלטען און א הערבסט-רעגען האט זיך בעוויזען.

איצט זענען די שניידער זיכער אין זייער זיעג, די נאטור אליין העלפט זיי מיט.

סמאל

על דאטפת דאטפוך...

סענסאציאנעלער בריעף פון אנ'אמעריקאנער יודישער פרוי. — דער שמש ר' משה יצחק בעשולדיגט אין איבערלאזען אנ'עגונה אין רומעניען. — אויפגעוויקעלט זיך דער פלאנטער.

(פון די מעשה'לעך פון טשענסטאכאווער ראבינאט).

אין היגען ראבינאט קומען גאנץ אפט פאר ענינים וועגען פיעל-ווייבעריי. מען טרעפט דארט יודעלעך ווען עס ווערט פערמיאוסט דאס ערשטע ווייב און נעמען זיך א צווייטע, אנדערע ווידער, וואס לאזען גלאט זייערע ווייבער עגונות און ווערען פערשוואונדען אין דער וועלט. פון צייט צו צייט בעקומט דער ראבינאט אויך בריעף פון פערשיעדענע שטעדט, אין וועלכע דאס בית-דין ווערט אויפגעפאדערט אויפצוזוכען פיעל מענער, וואס האבען אויסער זייערע היגע ווייבער אויך ווייבער אין אנדערע שטעדט, כדי צו דערפיהרען צו גט'ן.

א ספעציאליסט די דאזיגע מענער אויפצוזוכען און זיי צו ברענגען אין ראבינאט אריין, איז דער בית - דין שמש ר' משה יצחק. ער געפונט זיי אויס פון די פערשיעדענע הינטער גאסען; ער דערשמעקט אויך וויפיעל זייטיגע ווייבער זיי האבען נאך און שטעלט צו די גאנצע „קאפעלע" פאר'ן בית-דין טיש. אין דער דאזיגער הינזיכט איז ער פשוט א ספעציאליסט, א מין דעטעקטיוו...

דער גורל האט אבער געוואלט, אז ער אליין ד. ה. ר' משה יצחק איז גערופען געווארען צום בית-דין אויך דורך א פרוי און דאס אונטער דער זעלבער שווערער בעשולדיגונג:

צווישען די מעהרערע בריעף, וועלכע דער היגער ראבינאט האט לעצטענס ערהאלטען וועגען עגונות, גט'ן אדג"ל האט א גרויסע סענסאציע ארויסגערופען א בריעף פון ניו-יארק, אין וועלכען א געוויסע ליבע ווידער ווענדעט זיך צום בית-דין מיט פאלגענדער בקשה:

מיט 17 יאהר צוריק, ווען זי האט געוואוינט אין רומעניען, איז איהר מאן משה יצחק גענומען געווארען אלס מיליטאריסט אין דער מלחמה אריין, א געוויסע צייט האט ער זיך מיט איהר קארעספאנדירט און פון דאן אן איז יעדע שפור פון איהם פערשוואונדען. דורך דער צייט איז זי אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא מיט איהרע קינדער און האלט אין איין בעקלאגען איהר פערשוואונדענעם מאן. זי האט שוין אויסגעפרובט אלע מיטלען איהם אויסצוזוכען, ווייל אגב איז זי איצט פערמעגליך און צו איהר גליק פעהלט איהר נאר — איהר משה יצחק.

זי זוכט דעריבער נאך יעדע שפור, וואס קאן נאר ברענגען א סימן פון איהר מאן. זי לייענט פיעל צייטונגען, קוקט נאך אלע מודעות, אפשר, אפשר וועט זי דארט געפונען דעם נאמען פון איהר מאן.

און לעצטענס — שרייבט זי — איז איהר דאס טאקע געלונגען. אין אנ'אמעריקאנער צייטונג „מארגען-זשורנאל" אין וועלכער עס איז איבערגעדרוקט געווארען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" די געשיכטע פון דעם סענסאציאנעלען גט, וואס איז פארגעקומען אין דער טשענסטאכאווער תפיסה — האט זי געלעזען — אז דער דיין ר' יוסל פראקאש און איהר מאן דער שמש משה יצחק האבען אין דער טורמע אדורכגעפיהרט דעם גט צווישען דעם פיעל-ווייבערדיגען ישראל איסר זשאלאנדעק מיט זיין ווייב מלכה ר.

ליבע ווידער ווענדעט זיך דעריבער צום ראבינאט, אז מען זאל איהר משה יצחק נעמען אויף א שטרענגען פערהער, ער זאל זיך מודה זיין, אז ער איז איהר מאן און דאן איז זי גרייט איהם צו נעמען צו זיך קיין אמעריקא.

דער שמש ר' משה יצחק, וועלכער איז גלייך געשטעלט געווארען פאר'ן בית-דין טיש, האט זיך אויף קיין פאל נישט געוואלט בעקאנען צו דער אמעריקאנער עגונה... ער האט אויפגעוויזען באותות ומופתים, אז אין זיין לעבען איז ער נאך אין רומעניען נישט געווען און אז מיט זיין היעג ווייב לעבט ער שוין אהן איבעררייס סך הכל 28 יאהר...

דער ראבינאט, שטעהענדיג פאר אזא גרויס „רעטעניש", האט גוט אריינטראכטענדיג אין דעם בריעף באלד דערגאנגען פון וואנען עס נעהמט זיך דער דאזיגער חשד אויפ'ן עהרליכען און תמימות'דיגען ר' משה יצחק. די זאך איז גאר א פשוטע: אין דער צייטונג, וועלכע האט געבראכט די דאזיגע סענסאציאנעלע ידיעה וועגען זשאלאנדעק'ס גט אין דער תפיסה, איז געווען אבגעדריקט פאלגענדער זאץ: „ווער עס האט פוריגען דאנערשטאג זיך געפרעגט אויפ'ן דיין ר' יוסל פראקאש, האט מען געענטפערט, אז ער געפונט זיך אין טורמע; האט ווער געפרעגט אויפ'ן שמש ר' משה יצחק ווידער האט מען אויך בעקומען די זעלבע תשובה".

אט צוליעב דעם דאזיגען „ווידער" איז דאס ארויסגעקומען די גאנצע מיספערשטענדניש. די אמעריקאנער עגונה נעמליך הייסט ליבע ווידער, און אזוי ווי זי האט געלייענט אין דער צייטונג, אז „מען האט זיך געפרעגט אויפ'ן שמש ר' משה יצחק ווידער, האט זי דעם „ווידער" אנגענומען אלס פאמיליען-נאמען, און געוועזן זיכער, אז דאס איז איהר פערשוואונדענער מאן...

סיי-ווי איז אונזער משה יצחק'ן וועלכער שלעפט שטענדיג צום בית - דין פערשוואונדענע מענער אויסגעקומען כאטש איין מאל צו זיין אליין אין דער ראלע פון א „פערשוואונדענעם" מאן...

שמעלקע.

צירקולאר פון היגען ארבייטס-אינספעקטאר.

דער היגער ארבייטס - אינספעקטאר האט פונאנדערגעשיקט אין די היגע פאבריקען א צירקולאר, אין וועלכען עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט אויף די וואונשען פון דעם הויפט-קאמיטעט צו קעמפען מיט ארבייטסלאזע.

אין צירקולאר ווערט געזאגט, אז דער הויפט-קאמיטעט שטעלט זיך פאר זיין אויפגאבע צו קעמפען מיט דער ארבייטסלאזיגקייט דורכ'ן בעזייטיגען פון פערשידענע ארבייטען יוגענדליכע און זיי פערטרעטען מיט ארבייטסלאזע, וועלכע זענען די איינציגע שפייזער פון זייערע פאמיליעס. גלייכצייטיג ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז עס זאלען נישט בעשעפטיגט ווערען א מאן מיט א פרוי פון איין פאמיליע, נאר אויף איינעמס ארט זאל בעשעפטיגט ווערען אנ'ארבייטסלאזער. אויך זעהט מען פאר דאס איינפיהרען שיכטען-ארבייט צו 6 שעה.

עס זענען איבערגעבען נאך א רייהע פאסטולאטען פון דעם קאמיטעט וועלכע דער ארבייטס-אינספעקטאר זאגט ארויס זיין וואונש איינצופיהרען אין די בעזונדערע פאבריקען.

פון ברית הצה"ר.

די אנפיהרערשאפט פון היגען „ברית הצה"ר" בעט אונז מודיע צו זיין, אז אין הסכם מיט'ן חוזר כ"ט פון ועד הראשי ענדיגט זיך ענדגילטיג דער טערמין פון דער רעיעסטראציע שבת דעם 17 אקטאבער. די וואהלען צו דער קאנפערענץ קומען פאר אין גאנץ פוילען (גאליציען און שלעזיען איינשליסליך) דעם 25 ד. ח.

אין די ציוניסטיש-רעוויזיאניסטישע קרייזען פון אונזער שטאדט לאזט זיך לעצטענס בעמערקען א געוויסע ריהרעוודיגקייט אין צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וואס קומט פאר מארגען שבת, דעם 10, ווי אויך מיט'ן קומען אין אונזער שטאדט פון רעוויזיאנימטישען קאנגרעס - דעלעגאט ה' יוסף קלארמאן. ווי מען שמועסט זאל אויף דער פערזאמלונג אנגענומען ווערען א שטעלונג פון היגען רעוויזיאנימטישען פערבאנד וועגען ארויסטריט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

בעפרייט די בעשולדיגטע אינ'ם מארד אין דער היגער קראנקען-קאסע.

דאס אפעלאציע-געריכט אין ווארשא האט די וואך בעטראכט די אפעלאציע פון די היגע פפ"ס'ישע טהוער זיגמונד קאטשיק און מיעטשיסלאוו טשאפלינסקי וועלכע זענען דורכ'ן היגען קרייז-געריכט פערמשפ'ט געווארען צו 12 יאהר תפיסה, אלס בעשולדיגטע אין נעמען אנטייל אין דעם מארד וואס איז פארגעקומען אין דער היגער קראנקענקאסע.

אין רעזולטאט האט דאס אפעלאציע-געריכטביידע פערמשפט'ע אינגאנצען פרייגעשפראכען.

פעראן-בילעטען טייערער.

דער פרייז פון פעראן-בילעטען איז געשטיגען פון 20 אויף 30 גראשען. ביז-יעצט האבען די יעהרליכע איינקונפטען פון פעראן - בילעטען בעטראפען 1 מיליאן 200 טויזענד זל. איצט איז פון דער העכערונג פארגעזעהען א איינקונפט מיט 60 טויזענד זלאטעס מעהר.

געוו. פרעזידענט וואיטשעכאווסקי אין טשענסטאכאוו

אויף דעם צוזאמענפאהר פון די היגע פוילישע קאאפעראטיוועז איז געקומען אלס אינסטרוקטאר דער געוו. פרעזידענט פראפ. וואיטשעכאווסקי, וועלכער האט געהאלטען א לענגערען רעפעראט וועגען איצטיגען קריזיס און וועגען דער קאאפעראטיווער בעוועגונג.

פראצעס געגען דער נעוו. פערוואלטונג פון דער קראנקען-קאסע.

פערגאנגענעם מאנטאג איז אין היגען קרייז-געריכט פארגעקומען א פראצעס געגען דער גאנצער געוועזענער פערוואלטונג און צווישען זיי די יודען ה"ה ז. שטילער און יאאכים דאווידאוויטש.

דער פראצעס איז אבגעלעגט געווארען ביז מאנטאג דעם 19 ד. ח. צוליעב דעם, וואס דאס געריכט פאדערט פון דער קראנקען-קאסע געוויסע מאטעריאלען און דאקומענטען וואס זענען נויטיג צום פעסטשטעלען די זאך.

אין נעכסטען נומער וועלען מיר געבען דעם אינהאלט און פערלויף פון פראצעס.

עפענטליכע התראה.

היות ווי ה' זלמן שמולעוויטש, אלעע 28, האט אויף מיר אויסגעטראכט א בלבול וועלכען ער פערשפרייט אויף מיר אין דער שטאדט, בעשמוצענדיג אזוי ארום מיין עהרליכען נאמען בין איך איהם מזהיר, אז ער זאל עס עפענטליך אברופען, אנדערש וועל איך נישט זיין פעראנטווארטליך פאר די קאנסעקווענצען.

גלייכצייטיג רוף איך איהם לדין צום בית-דין אויף זונטאג דעם 18-טען ד. ח. 5 א זייגער נאכמיטאג, כדי דעם דאזיגען ענין מברר צו זיין.

מענדל יאשינסקי.

בעקאנטמאכונג.

די ערשטקלאסיגע פראצאווניע פון

הערן-בעקליידונג

א. גראנעק

אלעע 21 איז איבערגעטראגען געווארען אויף

Aleja Wolności (Kościuszki) 11

הויף, 1-טער איינגאנג, רעכטס.

איך עמפפעהל זיך ווייטער דער ג' קונדשאפט.

מיט אכטונג

א. גראנעק, קאשטשושקי 11.

Euphonia, Liszki, kolo Krakowa.

א בריעף אין רעדאקציע.

ג' ה' רעדאקטאר!

מיר בעטען אייך זעהר צו געבען פלאץ אין אייער חשוב'ער צייטונג פאר פאלגענדע שורות:

אין אייער צייטונג נר. 40 איז אבגעדרוקט געווארען א בריעף פון די ה"ה וואסערצוג און יארעצקי, די פאכטער פון דער היגער גערטנער-פערמע, אין וועלכען זיי בעקלאגען זיך אויף דער נעגאטיווער בעציהונג צו זיי מצד דער קהלה און דער היגער יודישער בעפעלקערונג. דאביי ווייזען זיי אן אין דעם זעלבען בריעף, אז „זיי בעשעפטיגען אין דער פערמע אויסשליסליך נאר יודישע ארבייטער, וועלכע קאסטען זיי דאפעלט".

צוליעב דעם ווילען מיר די זאך בעלויכטען און בעקענען די עפענטליכקייט מיט די בעציהונגען פון די דאזיגע הערען צו די יודישע ארבייטער.

אויסער דעם, וואס דעם גאנצען זומער האבען זיי בעשעפטיגט 50 פראצענט קריסטליכע ארבייטער און נישט „אויסשליסליך נאר יודישע" האבען די יודישע ארבייטער שוין העכער צוויי מאנאטען נישט בעקומען אויסגעצאהלט זייער לויהן, און אויסער דעם ווערען זיי נאך אויף שריט און טריט, ביי דער ארבייט און נאך דער ארבייט פערפאלגט אויף אלע געביטען און דער ציעל זייערער איז א קלארער: זיי ווילען דורכ'ן אויסהונגערן און אריינברענגען אין א לאגע אהן אויסגאנג, די חלוצים פון דער פערמע אינגאנצען פערטרייבען.

און די מיטלען וואס די דאזיגע טרייע יודען נעמען אן לגבי די חלוצים זענען פשוט אונגלויבליך, ווי: איבערשניידען דעם עלעקטרישען שטראם אין זייערע צימערן, פערשטאפען די וואסער-קראנען, פערזאגען אין שטאדט און ביי די פויערים, אז זיי זאלען די חלוצים קיין ברויט און אנדערע שפייזען אויף קרעדיט נישט געבען, טראץ דעם וואס זיי זענען די חלוצים שולדיג פיעל הונדערטער זלאטעס.

אויסער דעם פאדערן זיי פון די חלוצים 10 און א האלבע שעה ארבייט טעגליך און דראהען זיי מיט א עקסמיסיע פון דער דירה, וועלכע געהער פאקטיש צו דער היגער קהלה.

מיר, פון אונזער זייט זענען מודיע די יודישע עפענטליכקייט, אז מיר אלס חלוצים ווילען טראץ דו שווערע לעבענס-בעדינגונגען דעם טראדיציאנעלע חלוצישען ארבייטס-פלאץ נישט פערלאזען און זאל אונז די יודישע עפענטליכקייט דערצו מיטהעלפען.

מיט דרך-ארץ

אין נאמען פון די חלוצים פון דער גערטנער-פערמע

אפרים מגיד.

וויכטיג פאר די גאסען:

סטראזשאצקא, פילסודסקי, אגראדאווא, נארוטאוויטשא און אלעע!

דער בייגעע פענטער **שוך - ווארשטאט**

M. Berliner, Strażacka 5

פראנט

נעמט אן בעשטעלונגען און אלערליי רעפעראציעס פון די בעסטע סחורות, סאליד און ביליג.

די סחורה און די ארבייט איז גאראנטירט

Nie wyrzucajcie Waszych pieniędzy!

Kupując mydła zamiejscowych fabryk płacicie wyższe ceny za kosztowne plakaty i koszty przewozu, podczas

gdy mydło z „Rybką" jest lepsze i przytem tańsze.

Używajcie Mydło--tylko z Rybką.

Częstochowska fabryka Mydła

DZIUBAS i FISZEL

SPÓŁKA AKCYJNA.

Przedstawiciel na Częstochowę p. NATAN GERSZONOWICZ w miejscu, Narutowicza 10.

FUTRA

wszelkiego rodzaju po cenach przystępnych poleca na bieżący sezon

Maurycy KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TEL. 259.

דאס פוטער-געשעפט פון די פירמא

פיק און זשעלינסקי

טשענסטאכאוו, 1 אלעע 3

פראנט ערשטער שטאק

איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל

פון אלערליי פוטער-סחורות,

ווי פערשידענע פעל, בלאמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאמען און הערען-פוטערס א. א. א.

ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאנדלונג!

קומט און איבערצייגט אייך!

אכטונג: פראנט ערשטער שטאק.

דער פוטער-ווארשטאט

פ. פלאצקי אלטער מארק 20

נעמט אן פל - ערליי קירזשנער - ארבייט

וועלכע ווערט אויסגעפיהרט רעיעל און פונקטליך

צו ביליגע פרייזען.

געדענקט די אדרעס:

פ. פלאצקי, אלטער מארק 20.

קומט און איהר-וועט אייך איבערצייגען!

„Grand-Kino"

קאשטשושקי גאס.

לעצטער סעאנס 9.30 אוו.

געוועהנליכע פרייזען:

קרזעסלא 1 זל. און 1.20

באלקאן 1 זל.

לאזשע 1.50 און 2 זל.

היינט און ווייטערע טעג. שלאגער פון סעזאן!

ריהרענדע דראמא פון טשעכישער פראדוקציע!

Jej chłopczyk

(געזאנג פון לעבען)

מיט **מאגדא סאנעא** אלס מוטער, **יאש שער** אלס זוהן, **יאראסלאוו קאטשאן** אלס שלעפער.

איבער'ן פראגראם: הערליכע קלאנג-צוגאבען.

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאנס 10 אוועגד.

אויפ'ן 1 סעאנס קרזעסלא 1 זל.

היינט און ווייטערע טעג. נייע קלאנג-ווערסיע פון פוילישען פילם

CYGANKA AZA

Chata za wsią מאנומענטאלע דראמא, געשטיצט אויף דער בעריהמטער ערצעהלונג פון י. קראשעווסקי אין די הויפ-ראלען די בעסט פוילישע ארטיסטען און אויטענטישער ציגיינערישער טאבאר אונטער דער אנפיהרונג פון י. קאלאמפאר. ציגיינערישע טענץ און געזאנג.

איבער'ן פראגראם:

פליישער'ס צייכנונגס - צוגאבען און פאראמאנט - אקטואליטעטען.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא

Nowości

אלעע 12

לעצטער סעאנס 9-30 אוועגד.

היינט און ווייטערע טעג.

ערשטער ריידענדער אונגארישער קלאנג - פילם

GRAJ CYGANIE

אין די הויפט - ראלען:

מארטא עגערט, פאאול יאוואר, זאמבארי א. א.

איבער'ן פראגראם: פליישער'ס צוגאבען און פאק'ס פילם-וואך.

פרייזען פון די בילעטען אין אלע רייהען 1 זל.